# פארברענגען
# עם הרבי

## ל

התוועדות וא"ו תשרי ה'תשמ"ב


יוצא לאור על ידי

**Jewish Educational Media**

770 איסטערן פארקוויי ברוקלין נ.י

שנת חמשת אלפים שבע מאות ושבעים ואחת לבריאה

**בס"ד. שיחת וא"ו תשרי, ה'תשמ"ב.**

הנחה פרטית בלתי מוגה

### שיחה א

א. מ'געפינט זיך דאָך אין די עשרת ימי תשובה, וואָס אויף דערויף זאָגט דאָך ישעי' - דער נביא פון דער גאולה - "דרשו הוי' בהמצאו קראוהו בהיותו קרוב", און די גמרא איז מפרש, אַז "אימתי", אַז דאָס איז אין "עשרת ימים שבין ראש השנה ליום הכיפורים", וואָס דעמולט איז דער אויבערשטער "בהמצאו" ו"בהיותו קרוב", נאָך מערער ווי כל השנה כולה.

וואָרום אַ גאַנצן יאָרן ווערן דאָך יעדער איד און אַלע אידן אָנגערופן "עם קרובו", און ווי מ'זאָגט - און דער טור ברענגט דאָס אויך אַראָפּ פון מדרש - אַז "כך היא אופיה של אומה זו", אָט דאָס איז דער אינהאַלט און דער אויסקוקן פון אומת בני ישראל, אַז "אלקים קרובים אליו",

- וואָס דאָ איז דאָך אויך די הדגשה, אַז "אלקים" איז "קרובים אליו", ניט נאָר אַז אידן זיינען קרוב אל ה' -

איז דאָך אין דערויף גופא דאָ כמה חילוקים.

ב. בדוגמא ווי ס'איז דער חילוק בזמן שבית המקדש הי' קיים, וואָס דעמולט האָט מען דאָך געזען גילוי אלקות - נסים - מיט עיני בשר בכל יום ויום, אין די "עשרה נסים שנעשו לאבותינו בבית המקדש", וואָס נס איז דאָך פאַרבונדן, וואָס דער אויבערשטער באַווייזט זיין יכולת בגלוי,

בפרט נאָך אין אַזאַ ענין וואָס ס'איז געווען נאָך אין "עשרה נסים", וואָס דאָס איז דאָך תכלית השלימות אין מספר, פאַרבונדן וואָס די גאַנצע וועלט מיט דער גאַנצער בריאה איז באַשאַפן געוואָרן דורך "עשרה מאמרות", און אויך די תורה - וואָס "אסתכל באורייתא וברא עלמא" - איז דאָך אויך דער תחילת הגילוי שלה - די אַנטפּלעקונג - איז דאָס אויך אויסגעשטעלט אין עשרת הדברות,

און ווי מבואר אין קבלה און אין חסידות און אין ספרי חקירה, אַז דער ענין פון עשרה איז דאָס באַווייזט אויף אַ שלימות פון דעם מנין, וואָס דערפאַר איז דאָך אויך אַ דבר שבקדושה וואָס דאַרף האָבן מערער ווי אַ יחיד - איז אַ דבר שבקדושה דאַרף האָבן עשרה.

און אָט דאָ זאָגט מען, אַז מ'האָט געזען תמיד עשרה נסים בבית המקדש בעיני בשר; ס'איז דאָך אַלץ אַזוינע נסים וואָס מ'זעט דאָס מיט אַ פליישיגע אויג אויך, לאו דוקא אפילו פון אַ אידן - עד כדי כך שטייט אלקות בגלוי.

און דערנאָך זאָגט מען, אַז גאַנץ ארץ ישראל, סיי בזמן שבית המקדש הי׳ קיים, און אויך לפני זה, [וואָס דעמולט איז דאָך דער פסוק געזאָגט געוואָרן "ארץ אשר גו׳ תמיד עיני ה׳ אלקיך בה מרשית השנה ועד אחרית שנה"], און אויך משחרב בית המקדש איז דער פסוק אויך בתקפו,

[אע"פ וואָס ער זאָגט דאָך אין מדרש, אַז ס׳איז דאָך בכל הארצות איז "עיני ה׳ אלקיך בה" - נאָר דאָס נעמט מען פון "תמצית ארץ ישראל", און ווי יעדער ענין וואָס איז אַ "תמצית" איז דאָס ניט מיט דעם גאַנצן שטורעם און מיט דער גאַנצער שלימות ווי דאָס איז אין עיקר הדבר].

אַזוי איז אויך דאָ אין כללות הענין פון דער זאַך וואָס דאָס איז "קרובים אליו" און די אידן זיינען "עם קרובו", איז אויך דאָ חילוקי דרגות בזמנים שונים און אויך במצבים שונים אפילו אין דעם זעלבן זמן.

ג. וואָס אַזוי איז די גמרא מפרש דעם פסוק פון דעם נביא, אַז בכללות, פון כל השנה כולה, איז דעמולט איז "בהמצאו ובהיותו קרוב" - איז דאָס אין די "עשרה ימים שבין ראש השנה ליום הכפורים".

און דערנאָך איז נאָך די גמרא אויך מדגיש, אַז דאָס איז ניט סתם אַ חילוק אין כמות, אַ ביסל מערער און נאָך אַ ביסל מערער - זאָגט די גמרא דעם חילוק, אַז "כאן ביחיד" ו"כאן בציבור": בדוגמא ווי ס׳איז דער חילוק וואָס כל השנה כולה דאַרף מען אָנקומען צו אַ "ציבור" - איז "בעשרה ימים" קען דאָס אויפטאָן אַ "יחיד".

וואָס דער חילוק אַ פעולה על ידי היחיד און על ידי הציבור, איז דאָך ניט נאָר אַ חילוק אין כמות, נאָר דאָס איז נאָכמערער - אַ חילוק אין איכות, ביז אין אַ חילוק שלא בערך:

בשעת מ׳זאָגט בנוגע צו אַ ציבור, פסק׳נט מען אָפּ אין שולחן ערוך "הן א-ל כביר לא ימאס", אַז תפילת הציבור איז אַ זיכערע זאַך אַז ווערט נתקבל, און מ׳זאָגט, אַז דאָ איז אויך אַזויפיל "קרוב" - אַז דאָס ווערט אין אַן אופן, אַז אַ יחיד האָט דעם כח און טוט-אויף בפועל אָט דאָס וואָס כל השנה כולה דאַרף מען אָנקומען צו ענין פון אַ גאַנצן ציבור.

דערפון איז אויך פאַרשטאַנדיק, וואָס ס׳קען אויפטאָן אַ ציבור אין עשרת ימי תשובה, וואָס דעמולט איז דאָך אויך דאָ דער חילוק צווישן יחיד און ציבור, בנוגע צו דבר שבקדושה וכיוצא בזה בכמה הלכות -

איז דאָך פאַרשטאַנדיק ביתר שאת וביתר עוז דער אויפטו פון אַן ענין וואָס ווערט געטאָן על ידי הציבור - לגבי ווי ס׳ווערט אויפגעטאָן על ידי היחיד, אפילו אַזאַ "יחיד" וואָס ער איז "ציבור" - ווי דאָס איז יעדער יחיד מישראל בימי עשרת ימי תשובה,

אַז דעמולט איז דאָס דער עת רצון למעלה, ובמילא אויך למטה, "כמים הפנים לפנים" ווערט דאָס ערוועקט אין "אתם קרויין אדם" דערפאַר וואָס "אדמה לעליון", אין יעדער אידן, דורך דערויף וואָס ס'איז דער ענין "בהמצאו ובהיותו קרוב" - שלא בערך ווי דאָס איז במשך כל השנה כולה. וכמדובר - עאכו"כ ווען דאָס טוט זיך אין אַ ציבור.

ד. דער ענין פון "מעלין בקודש" איז דאָך דאָ אויך בנוגע צו עשרת ימי תשובה, וואָס דערפון איז אויך פאַרשטאַנדיק, אַז מיום ליום ווערט דאָס אַלץ מער עליה און מער ניתוסף אין די אַלע זאַכן וואָס זיינען פאַרבונדן מיט עשרת ימי תשובה - אע"פ וואָס בכמה ענינים קען מען דאָך ניט פאַרגלייכן די ימים שלאחר ראש השנה, לגבי די ימי פון ראש-השנה.

אעפ"כ איז אין דעם ענין איז "מעלין בקודש", און מ'גייט מיום ליום אַלץ העכער און העכער.

בפרט נאָך, אַז מ'קומט - אין עשרת ימי תשובה עצמם - דער טאָג פון שבת, וואָס שבת לגבי ששת ימי המעשה איז דאָך דאָס בדוגמא פון תשובה לגבי הנהגה על דרך הפשוט, ווי דער אַלטער רבי זאָגט אין אגרת התשובה, אַז "שבת" איז דאָס אותיות "תשב", דערפאַר וואָס דעמולט איז דער זמן המסוגל לתשובה,

[ביז וואַנענט אַז דאָס איז "שמו אשר יקראו לו בלשון הקודש", וואָס דאָס גיט דאָך אַרויס דעם תכלית הענין און מטרת הענין און פנימיות הענין, און נאָכמערער - דער שם איז דאָך ממשיך חיות: דערפון ווערט דער קיום און דער חיות פון דעם טאָג - פון דעם ענין התשובה],

וכמדובר בארוכה בהתוועדות שלפני זה, אין שבת, אַז שבת האָט נאָך דעם ענין וואָס "אין עצב בה" - איז דאָך נאָך מערער מודגש, אַז תשובה אמיתית איז גאָר פאַרבונדן דוקא מיט אַ שמחה גדולה,

ובמכ"ש וק"ו: מה-דאָך אַז בכל המצוות דאַרף זיין שמחה של מצוה, און דאָס ווערט אָנגערופן אַן "עבודה גדולה", ווי דער רמב"ם איז מאריך אין סוף וחותם פון הלכות לולב - עאכו"כ אין אַזאַ מצוה גדולה ווי מצות התשובה, וואָס זי איז דאָך גדולה לגבי כל המצוות כולם, והא ראי' - אַז זי קען מתקן זיין וואָס מ'האָט פאַרפעלט אין כל המצוות כולם, אפילו אין תלמוד תורה,

וואָס "תלמוד תורה" איז דאָך "כנגד כולם", איז אעפ"כ זאָגט מען דאָך, אַז "אין לך דבר העומד בפני התשובה", אַז בשעת ער טוט תשובה; אָט דאָס וואָס ס'איז ניט געווען ביי אים די פולע שלימות אין תלמוד תורה - איז אַ זיכערע זאַך, אַז ער האָט אויפגעטאָן, אַז ניט נאָר "אין מזכירין לו דבר וחצי דבר ביום הדין" - ווי דער לשון פון דעם אַלטן רבי'ן - נאָר אדרבא, ווי דער פסק דין הרמב"ם באריכות גדולה - אַז ער איז נאָך "נעשה חביב וקרוב" נאָך מערער ווי דאָס איז ביי אַ צדיק.

על דרך זה בנוגע אַז מ׳קומט נאָך שבת תשובה, און ביז וואַנענט אַז דאָס איז דער "מוצאי" פון שבת תשובה – איז דאָך פאַרשטאַנדיק דער גודל העילוי אין דעם יום שלאחרי זה בכלל, ובפרט – אין דעם ענין התשובה ווי ס׳שטייט אין עשרת ימי תשובה.

ה. וואָס דאָס איז נאָכמערער מדגיש דעם גודל הזמן וחשיבות הזמן, אויף אויסנוצן כל רגע שבו אין ענינים וואָס זיי זיינען פאַרבונדן מיט מילוי שליחות האדם,

וואָס אַ שליחות פון יעדער אידן איז דאָך, "לעשות לו ית׳ דירה בתחתונים", ובלשון המשנה "אני נבראתי לשמש את קוני" [אָדער דערנאָך די שאַרפערע גירסא: "אני לא נבראתי אלא לשמש את קוני", ווי די צוויי גירסות אין דער משנה].

וואָס דאָס איז דאָך אויך דער ענין פון לעשות לו ית׳ דירה בתחתונים, על ידי לימוד התורה וקיום מצוותי׳, וואָס דורך דערויף איז מען "משכין" [פון לשון "משכן" ו"שכינה"], אַז דער אויבערשטער איז "ושכנתי בתוכם", ובמיוחד על ידי מעשינו ועבודתינו בכל עניני תורה ומצוותי׳,

אָנהויבנדיק פון דעם ענין התשובה, וואָס ער מאַכט דאָך פון תורה ומצוות נאָכמערער – אַז זיי זאָלן זיין "מעשים טובים", נאָך מערער ווי ס׳איז געווען בלאו ענין התשובה.

וואָס דאָס איז דאָך דער פירוש און דער דיוק אין מאמר חז"ל "תשובה ומעשים טובים", וואָס מ׳פרעגט דאָך אויף דערויף די שאלה: דער סדר דאַרף דאָך זיין אַ הפוך, פריער האָט געדאַרפט שטיין דער ענין פון "מעשים טובים", און דערנאָך, אַז ס׳טרעפט ח"ו אַ מעמד ומצב וואָס ער דאַרף אָנקומען צו תשובה [אע"פ וואָס דאָס איז דאָך בלתי רגיל, וואָרום "כל ישראל בחזקת כשרות הן", און ווי ער זאָגט אין זהר "ונפש כי תחטא", אַז אַ איד זאָל האָבן אַ חטא, איז "תווהא", איז דאָס אַ תמיהה גדולה אין תורת חיים ווי קען דאָס זיין אַזוי],

אעפ"כ זאָגט מען דעם סדר "תשובה ומעשים טובים" – דערפאַר וואָס אפילו אַ צדיק גמור, איז על ידי פעולתו ועבודתו אין דעם קו התשובה ווערן אַלע זיינע "מעשים" – "מעשים טובים" נאָך מערער ווי ס׳איז געווען פאַר דעם.

און די שאלה הידועה: וואָס דאַרף אַ צדיק גמור אָנקומען צו תשובה? איז האָט ער דאָך רמ"ח אברים, און ס׳שטייט אַז "תמים תהי׳ עם הוי׳ אלקיך", און ער זאָגט, אַז רמ"ח מצוות עשה איז דאָס כנגד רמ"ח אברים – דאַרף ער דאָך האָבן אויך בשלימות אָט דעם אבר וואָס איז אַנטקעגן די מצוות התשובה.

און דער ביאור בפשטות איז דאָך, על פי המבואר אין לקוטי תורה פון היינטיקער סדרה גלייך בתחילתה, וואָס דער אַלטער רבי איז מבאר, אַז עיקר ענין התשובה איז דאָס "והרוח תשוב אל האלקים אשר נתנה", ער זאָל זיך פאַרבינדן צוריק מיט אַ התקשרות אמיתית מיט דעם אויבערשטן וואָס "נתנה לו" זיין נפש האלקית – וואָס זי

איז אויך מחיה די נפש הבהמית און דעם גוף שלו וחלקו בעולם, וואָס אין דערויף איז דאָך ווי גוט ס'זאָל ניט זיין, און ווי שטאַרקט ס'זאָל ניט זיין זיין התקשרות מיט דעם אויבערשטן; וויבאַלד אַז דער אויבערשטער איז דאָך "אין-סוף" – איז דאָך אַלעמאָל דאָ מקום אַז די התקשרות און די התאחדות זאָל ווערן אַלץ מערער און מערער.

ו. וואָס דאָס איז דאָך אויך דער ביאור פון דעם מאמר תמוה – וואָס איז דאָך אויך אַ הוראה פון תורתנו תורת חיים – אַז אַ איד דאַרף זיין "כל ימיו בתשובה"! און ס'איז דאָך אַ זיכערע זאַך, אַז בשעת מ'זאָגט "בתשובה", מיינט מען דאָס תשובה על פי תורה.

ווערט דאָך די שאלה: בשעת ער האָט געטאָן תשובה על פי תורה, האָט ער דאָך שוין אויך די מעלה פון אַ בעל-תשובה, אעפ"כ זאָגט מען, אַז אויף מאָרגן דאַרף ער ווייטער זיין "בתשובה", און אויף איבערמאָרגן ווידער אַמאָל "בתשובה".

און דאָס זאָגט תורת אמת: דאָס איז ניט אַ זאַך וואָס מ'טוט דאָס וויבאַלד אַז דאָס איז "חובתי ואעשנה" – דאָס דאַרף זיין אַ תשובה אמיתית. – ווי אַזוי איז שייך זאָגן אַ תשובה אמיתית זונטיק – לאחרי ווי ער האָט געטאָן תשובה אמיתית אין יום השבת קודש שלפני זה, ובפרט אַז דאָס איז שבת שובה, און מ'זאָגט אים אָן, אַז ער דאַרף זיין זונטיק אויך בתשובה –

איז דאָס פאַרשטאַנדיק – ואדרבא פאַרשטאַנדיק בפשטות – לויט דעם ביאור אין לקוטי תורה אין האזינו, אַז ענין התשובה איז "תשוב אל האלקים אשר נתנה". וואָס דער אויבערשטער איז דאָך אין-סוף, במילא איז "ילכו מחיל אל חיל" ניט נאָר אין לימוד התורה וקיום מצוותי', כל המצוות – נאָר אויך, ובעיקר, אין דעם ענין פון מצות התשובה, אַז "אין לו מנוחה": ער איז הולך "מחיל אל חיל" אין ענין התשובה.

תשובה איז דאָך ענינה, אַז דאָס איז (שלא) ניט ער גייט מדרגא אל דרגא, וואָס דערפאַר איז זי דאָך ניט מוגבל ומדוד אין זמן, נאָר ס'קען זיין "בשעתא חדא וברגעא חדא", ווי דער דין איז אין הלכה בפועל, אַז המקדש את האשה על מנת שהוא צדיק גמור – איז זי מקודשת.

[אָט דאָס וואָס מ'זאָגט אַז "ספק" איז דערפאַר וואָס מ'איז ניט זיכער צי זיין הרהור תשובה איז געוועזן כדבעי; ער אַליין ווייס דאָך אָבער און דאָס איז בידו הדבר תלוי, אַז ס'זאָל זיין דער הרהור תשובה כדבעי, איז איין הרהור, וואָס דאָס איז ברגע כמימרא – פסק'נט אָפּ הלכה, אַז דאָס ווערט אַ מקודשת און דאָס איז נוגע עד סוף כל הדורות! אים, און איר, מיט זרע וזרע זרע עד סוף העולם!].

וואָרום תשובה איז – כמדובר – למעלה ממדידה והגבלה.

ז. נאָר דאָ פרעגט דאָך אַ איד:

ס׳איז דאָך ידע אינש בנפשי׳, און ער ווייס, אַז ער איז באַשאַפן געוואָרן אין אַן אופן מדוד ומוגבל, [ביז וואַנענט אַז מ׳זאָגט גאָר, אַז יתר אבר איז אַ גאַנצע שקו״ט אין בכורות, צי אויב דאָס איז אין אַ כהן - ששה אצבעות וששה אצבעות - צי איז ער מותר אין עבודה צי ניט, וויבאַלד ער האָט אַן איבעריקן אצבע, ועד״ז בשאר האברים, כמובן דאָרט פון דער משנה און פון די גמרא, ביז אין די פוסקים].

און דאָ מאָנט מען פון אים, אַז ער זאָל זיין ״לדלג שור״ - למעלה ממדידה והגבלה?!

זאָגט מען אים, אַז מ׳האָט אים געגעבן אַ ״חלק אלוקה ממעל ממש״, און מ׳האָט דאָס אים ניט געגעבן, אַז דאָס זאָל ליגן ביי אים ווי אַ פקדון, און ער נוצט דאָס ניט, ווי מ׳דאַרף ניט נוצן קיין פקדון (סיידן בתנאים מיוחדים) - נאָר אדרבא: מ׳האָט אים געגעבן דעם ״חלק אלוקה ממעל ממש״, אַז דאָס זאָל ווערן זיין נפש, זיין נשמה, וואָס באַלעבט אים בכל עניניו, ביז אין מחשבה דיבור ומעשה פון עקב שברגל.

און וויבאַלד אַז דאָס איז אַ ״חלק אלוקה ממעל ממש״, וואָס ער איז דאָך אין-סוף אמיתי, און דער חלק האָט ער - דער איד - געמאַכט אַז דאָס זאָל אים מחי׳-זיין זיין הליכה שברגל, עאכו״כ די חכמה דעם שכל שבראש - איז דאָך אַ זיכערע זאַך, אַז ס׳איז ניטאָ קיין מדידות והגבלות אין וואָס ער קען אויפטאָן;

וויבאַלד אַז דאָס איז ניט ״כחי ועוצם ידי״, נאָר דאָס איז דער ״חלק אלוקה ממעל ממש״ וואָס ער האָט אים געמאַכט ביי זיך פאַר אַן עיקר, און אַלע איבעריקע ענינים זיינען זיך מתנהג און פירן זיך לויט די ״אָנווייזונגען״ און לויט דער באַלעבונג וואָס זיי באַקומען פון דעם ״חלק אלוקה ממעל ממש״.

ח. וואָס אויב דאָס איז אַזוי בכל השנה כולה, וואָס דעמולט ווערט מען דאָך אָנגערופן בשם ״חלק״ - בדוגמא לזה אויך בשם ״ניצוץ״;

בשעת ס׳קומט עשרת ימי תשובה, וואָס דעמולט געפינט זיך דער ניצוץ בקירוב אל המאור, און ווי דער לשון פון דעם מיטעלן רבי׳ן ובכמה מקומות, אַז בעשרת ימי תשובה איז ״קירוב המאור אל הניצוץ״, אַז דער עצם שטייט בקירוב צו דעם ״חלק אלוקה ממעל ממש״ ווי ער געפינט זיך אין דעם גוף,

און - אַזאַ גוף וואָס דאַרף אָנקומען צו ״דרשו״ ו״קראוהו״ אפילו אַמאָל ח״ו אין דעם פשוט׳ן ענין פון תשובה - איז אויך דעמולט דער ״קירוב המאור אל הניצוץ״ -

איז דאָך פאַרשטאַנדיק די הצלחה גדולה וואָס דער אויבערשטער גיט יעדערן און יעדערע [מצות התשובה איז דאָך דאָס אַ מצוה וואָס הנשים זיינען מחוייבות בזה און זיי אָבן דעם גאַנצן שטורעם מיט נתינת-כח אין תשובה פונקט אַזוי ווי אנשים, כמובן בפשטות, ווי דער דין איז אין הלכה, וואָס מצות תשובה איז דאָך בין בזכרים בין בנקבות וכו׳, כמבואר אין פוסקים],

איז סיי יעדערער און סיי יעדערע באַקומט דעם גאַנצן שטורעם וואָס ווערט געגעבן דורך "קירוב המאור" צו דעם "ניצוץ" - צו זיין "חלק אלוקה ממעל ממש".

און באַקומט דאָס אין אַן אופן, אַז ער איז מקיים דעם "ומלאו את הארץ וכבשוה", ער נעמט-איין זיך, און דורך דערויף די גאַנצע וועלט, אַז דאָס זאָל ווערן אַ "דירה לו ית' בתחתונים"; אפילו אין די זאַך אין וועלט, וואָס איידער אַ איד הויבט מיט זיי אָן טאָן זיינען זיי אַ תחתון שאין תחתון למטה הימנו; אויף אַזויפיל איז דאָס גשמיות אָדער אפילו חומריות -

האָט מען באַשאַפן, גלייך ווי מ'האָט באַשאַפן דעם ערשטן מענטשן, האָט מען אים גלייך אָנגעזאָגט - צוזאַמען מיט חוה'ן - אַז מ'זאָל זיין "מלאו את הארץ וכבשוה":

זייענדיק אין וועלט, וואָס דאָס איז דאָך דער "מלאו את הארץ", איז כאָטש אפילו ער האָט צוטאָן מיט וועלט: ער איז אַ בעל-עסק - על כל פנים ניט "תורתו אומנתו" - וכיו"ב; ער איז "מלאו את הארץ", ער האָט צוטאָן מיט ענינים ארציים - איז זייענדיק אין אַן אופן פון "מלאו את הארץ" האָט ער דעם נתינת כח, צוזאַמען מיטן ציווי בזה, ער זאָל כובש-זיין די גאַנצע וועלט, ביז אין אַן אופן אַז ס'זאָל זיין "גלה כבוד מלכותך עלינו", און דורך דערויף "מלוך על העולם כולו בכבודך",

און - אין אַן אופן ווי ס'שטייט אין פרשנים, אַז דער חילוק פון "מלוכה" און "ממשלה" איז, אַ "ממשלה" קען זיין אפילו בעל-כרחו; בשעת מ'זאָגט "מלוך" איז דעמולט "מלכותו ברצון קיבלו עליהם",

אַז ער מאַכט-אויף אין וועלט, ניט נאָר אַז בעל-כרחו ווערט דאָס אָנגעפירט בהתאם צו ג-טלעכקייט, נאָר די וועלט אַנערקענט און ס'ווערט ברצון, "מלכותו ברצון קיבלו עליהם",

בדוגמא ווי ס'איז געווען ביי דעם ערשטן ראש-השנה, וואָס דעמולט האָט אדם הראשון געפּועל'ט אין דער גאַנצער וועלט, דורך זיין זאָגן און זיי מעורר זיין "בואו נשתחוה ונכרעה נברכה לפני הוי' עושנו", און זיי האָבן דאָס אַזוי געטאָן בפשטות ולמטה מעשרה טפחים בגשמיות העולם,

איז כן תהי' לנו, מידי ראש השנה בראש השנה איז דאָך "הימים האלה נזכרים ונעשים", און מ'זאָגט יעדער ראש השנה "זה היום תחילת מעשיך", און דאָס איז אין אַזאַ אופן "זכרון" ווי ס'איז געווען אין "יום ראשון" - ביי דעם ערשטן ראש-השנה,

אַז מ'פירט-דורך אָט די אַלע ענינים, און מ'פירט זיי דורך מתוך שמחה וטוב לבב.

ובקרוב ממש, צוזאַמען מיטן "מאור", צוזאַמען מיטן "המצאו ובהיותו קרוב", גייט מען אין גאולה האמיתית והשלימה, ווען ס'ווערט "הלכו גויים לאורך", און דורך דערויף זאָגן אַלע "לכו ונעלה" אין "הר הקודש בירושלים".

אַז ס׳וועט מקויים, דורך ״ובאו האובדים בארץ אשור והנדחים בארץ מצרים והשתחוו להוי׳ בהר הקודש בירושלים״, במהרה בימינו ממש.

ניגנו ״הוא אלוקינו״.

• • •

*שיחה ב.*

ט. לכאורה די מצות התשובה איז דאָך דאָס אַן ענין וואָס איז גאָר פאַרבונדן דוקא ווען מ׳איז ביחידות.

ס׳איז דאָך בכלל אין מצוות איז דאָך דאָ די מצוות שבין אדם למקום און מצוות שבין אדם לבריות; אין מצוות שבין אדם למקום איז דאָך אויך דאָ כמה חילוקי דרגות אויף וויפל דאָס איז אָפּגעזונדערט פון וועלט.

איז דאָך לכאורה, בהשקפה ראשונה, אָט די מצוה וואָס דעמולט דאַרף ער אינגאַנצן זיין מערניט ווי ער צוזאַמען מיט ״האלקים אשר נתנה״ – איז דאָס דער ענין פון מצות התשובה,

וואָס דעמולט דאַרף ער דאָך מאַכן אַ חשבון צדק; ווי אַזוי איז דאָס אַ חשבון צדק? – איז דאָך ניט מספיק וואָס ער שאַצט אָפּ די זאַך אַליין, נאָר ער שאַצט אָפּ די זאַך צוזאַמען פון ווענען ער האָט גענומען דעם ציווי אויף מקיים-זיין דעם ענין, און האָט דאָס ניט געטאָן בשלימות –

איז דאָך אינו דומה צי ער האָט ניט געטאָן בשלימות אַ ציווי וואָס ער האָט פון קיינעם ניט באַקומען, ס׳איז מערניט וואָס זיין שכל זאָגט דאָס, אָדער ער האָט דאָס באַקומען פון אַן אדם חשוב, אָדער ער האָט באַקומען פון אַן אדם הכי חשוב, אָדער ער האָט דאָס באַקומען פון מלך מלכי המלכים הקב״ה אַליין!

איז מאַכן דעם חשבון, כדי אַז דערנאָך זאָל זיין אַ תשובה כדרוש – דאַרף ער זיך דאָך מתייחד זיין און ס׳זאָל ניט זיין קיינע ענינים המבלבלים, זיך מתבונן זיין, בדוגמא ווי מ׳זאָגט אין שולחן ערוך בנוגע צו תפילה בכל יום: מתבונן זיין ״בגדלות הא-ל ובשפלות האדם״ – במכ״ש וק״ו אַז ער האַלט אין טאָן תשובה.

און דאָ זאָגט מען, אַז אַן ענין פון אַ ציבור העלפט אַרויס אין תשובה!

י. לכל לראש איז אַ כלל אין הלכה, אַז בשעת מ׳האָט אַ ראי׳ פון אַ ״מעשה רב״ – איז דאָס די גרעסטע ראי׳ וואָס ס׳קען זיין, אַז דער ענין איז אַזוי.

זעט מען בטבע בני אדם, ביי אידן – ״אתם קרויין אדם״ – ״אדמה לעליון״, אַז אפילו אַז ער איז רץ לבית הכנסת בכל יום ויום [וואָרום אַזוי שטייט אין שולחן ערוך, במילא

איז "כל ישראל בחזקת כשרות הם"], טוט ער דאָס אַזוי "רץ לדבר מצוה" בכלל ולבית הכנסת במיוחד,

– וואָס דאָס איז בתחילת היום, און דאָס האָט דערנאָך אַ ווירקונג, ווי ער איז געווען אין בית הכנסת – ווי אַזוי ס'וועט דערנאָך זיין לימוד התורה, ווען ער גייט "מבית הכנסת לבית המדרש", און ווי אַזוי ס'וועט דערנאָך זיין הנהגה שלו אין כל עניני הארץ, אין "הנהג בהן מנהג דרך ארץ", לאחרי ווי ער איז יוצא "מבית המדרש" אין וועלט אַריין –

זעט מען אין טבע בני אדם, אַז ווען ס'קומט צו יום הכיפורים, וואָס דאָס איז דאָך דער עיקר יום התשובה, ובלשון הרמב"ם, אַז התשובה איז "כל השנה יפה היא", אַז אַ גאַנצן יאָר – ווי געזאָגט פריער "כל ימיו בתשובה" – איז אָן עת זמן הכושר אויף תשובה-טאָן, אָבער דאָס קומט ניט צו דעם ענין התשובה ווי דאָס איז אין "אחת בשנה", אין יום הכיפורים.

זעט מען בטבע בני אדם, אַז ווי ס'איז זייער ריצה און לויפעניש אויף צו זיין בבית הכנסת – קומט דאָס ניט צו דער ריצה און זייער לויפן אויף צו זיין בבית הכנסת ב"יום הקדוש", ביום הכיפורים.

ביז וואַנענט, אַז ס'איז דאָך דאָ אַזוינע, וואָס מסיבות שונות ומשונות, אַ "תינוק שנשבה בין העכו"ם": ער איז ניט שולדיק אין דעם, מ'האָט אים גענומען "בין השבי" איידער ער האָט נאָך געהאַט אַ דעה על הנהגת עצמו,

איז בשעת ס'קומט יום הכיפורים, ווערט ער נתעורר, און ניט נאָר נתעורר בנפשו, נאָר דאָס פועל'ט אויף זיינע פיס אפילו, אַז זיי זאָלן אים אַוועקפירן אין אַ בית הכנסת, צו זיין צוזאַמען מיט נאָך אידן, וויבאַלד אַז דאָס איז יום התשובה, יום הכיפורים.

וואָס דאָס איז דאָך די "מעשה רב" – וואָס דאַרף שוין ניט האָבן נאָך ראיות – אויף וויפל ס'איז נוגע זיין צווישן אידן ווען ער דאַרף תשובה-טאָן, וואָס דעמולט העלפט אים, אַז די תשובה זאָל זיין אין שלימות, ביז אין תכלית השלימות.

יא. איז דער ענין אויך פאַרשטאַנדיק – מ'וויל דאָך יעדער זאַך אויך פאַרשטיין אין שכל:

דער ענין התשובה איז דאָך פאַרבונדן מיט מאַכן אַ חשבון צדק. ווערט דאָך די שאלה: וויבאַלד אַז "אדם קרוב אצל עצמו", ער קען ניט זיין אינגאַנצן אָביעקטיוו ווען ס'רעדט זיך וועגן אים אַליין. און מ'מאָנט פון אים, אַז ער זאָל מאַכן אַ חשבון, און דאָס זאָל זיין אַ "חשבון צדק"!

בשעת ער געפינט זיך מיט אַ צווייטן אידן, וואָס דער צווייטער איד האָט דאָך אויך אַ נפש האלקית, ובלשון פון דעם מיטעלן רבי'ן: אָט דעמולט איז דאָ צווי נפש האלקית אויף איין נפש הבהמית. ובפשטות: אַ צווייטער קען אים באַווייזן, און ער קען ביי אים

בוחן זיין צי ער האָט געמאַכט דעם חשבון צדק, אָדער ביי אים איז געווען אהבת עצמו אין אַזאַ אופן, אַז "על כל פשעים תכסה אהבה".

יב. בשעת אָבער דער צווייטער איד איז מערניט ווי נאָך איינער אָדער נאָך צוויי וכיוצא בזה – זעט מען דאָך בטבע בני אדם, אַז אע"פ וואָס ער האָט, אַן אדם השלם – אַ געזונטער מענטש – האָט דאָך אַלע חושים מיט אַלע אברים מיט אַלע גידים, אעפ"כ איז דאָ אַ זאַך אין וועלכע "הוי זהיר טפי": יעדערער האָט דאָך אַ כשרון אין אַ דבר מיוחד – אע"פ וואָס ער איז אַ שלם אין אַלע איבעריקע זאַכן אויך – צי דאָס איז אין אַן ענין פון אַ שכל, הבנת שכל, אָדער אין וואָס ער קאָכט זיך בנוגע למעשה, צי דאָס איז מעשה הצדקה צי מעשה פון געבן אַן עצה טובה אָדער אַ מעשה פון רפואה וכיוצא בזה – האָט דאָך יעדערער זיין חוש און זיין ענין, וואָס אין דערויף איז ער "זהיר טפי".

בשעת ער געפינט זיך מיט נאָך אַ צווייטן, איז טאַקע דאָ די צוויי נפש האלקית אויף איין נפש הבהמית, אָבער דער צווייטער האָט דאָך זיך אַן ענין אין וועלכן ער איז מער פאַרקאָכט ווי אין די אַנדערע ענינים, איז דאָך רעכט, אַז ער זאָל אים פאַרפעלן און ניט זיין דער "מומחה" אויף אָנווייזן אים וואָס ער האָט פאַרפלעט אין אַנדערע ענינים, אין וועלכע ער קאָכט זיך ניט.

בשעת ער געפינט זיך אָבער אין אַ ציבור, וואָס אַ ציבור איז אַ מציאות השלימה: בשעת מ'דאַרף האָבן אַ דבר שבפרהסיא, מ'דאַרף זאָגן אַ "דבר שבקדושה" – ווי דערמאָנט פריער – איז בשעת ס'איז דאָ עשרה מישראל איז דאָס כולל כל המציאות, אַלע אידן צוזאַמען!

ביז וואַנענט אַז מ'זאָגט אויף "אתם נצבים היום כולכם", איז דאָס אויך אויסגעשטעלט געוואָרן אויף עשר סוגים, ווי ער איז מפרש אין זהר, אַז "ראשיכם" איז אַ באַזונדער זאַך און "שבטיכם" איז אַ באַזונדער זאַך; ס'איז דאָ עשר סוגים, וואָס כללותך עם ישראל, זיין שלימות איז – אַז ער האָט די אַלע עשר סוגים.

בשעת אַ איד געפינט זיך אין אַ ציבור, וואָס אין דעם ציבור איז דאָ פאַרשידענע-ערליי "אין דיעותיהם שוות", דאָס איז אָבער כולל אַלע חושים מיט אַלע הבנות מיט אַלע נטיות מיט אַלע כשרונות – אָט דעמולט האָט ער דעם בעסטן אויסקוק, אַז מ'וועט אים אָנווייזן [אויב נאָר ער וועט זיך נאָכפרעגן – ווי אַ תשובה דאַרף זיין, אַז ס'דאַרף דאָך זיין מרצון, ביז אַ תשובה מתוך אהבה, און אהבה אמיתית, וועט מען אים אָנווייזן], אין די אַלע ענינים וואָס ער דאַרף נאָך משלים-זיין.

יג. צוזאַמען דערמיט אָבער אויך, ניט פועל'ן ח"ו אַ נפילת-רוח,

וכידוע דער פתגם פון רבותינו נשיאינו, אַז פונקט אַזוי ווי מ'דאַרף וויסן די חסרונות – אַזוי דאַרף מען אויך וויסן מעלות עצמו. וואָרום אַמאָל טוט זיך אָן דער יצר היפך פון יצר טוב און וויל מבלבל זיין אַ אידן פון טאָן תשובה, דורך דערויף וואָס ער איז אים

מסביר, אַז סיי-ווי-סיי איז פאַרפאַלן: אַזוי ווי דו ביסט אין אַזאַ מעמד ומצב, וועסטו סיי-ווי-סיי גאָרנישט קענען אויפטאָן, איז עכ"פ האָב הנאה פון עולם הזה!

זאָגט מען אַן אָנזאָג,

– און דאָ איז דער דיוק, אַז בשעת רבותינו נשיאינו זאָגן, אַז אַזוי ווי מ'דאַרף וויסן די חסרונות, אַזוי דאַרף מען אויך וויסן מעלת עצמו – ביי דעם וואָרט "חסרונות" זאָגט זיי ניט "חסרונות עצמו". לכאורה האָט געדאַרפט שטיין דער לשון: אַזוי ווי מ'דאַרף וויסן "חסרונות עצמו", אַזוי דאַרף מען וויסן "מעלת עצמו",

וואָרום אַ חסרון ביי אַ אידן, איז ווי ער זאָגט אין זהר, דאָס איז "נפש כי תחטא" – איז דאָס "תווהא", דאָס איז ניט זיינער אַ חסרון! דאָס האָט זיך צו אים צוגעקלעפט:

אַזוי ווי ער געפינט זיך אין עולם הזה הגשמי, וואָס ער איז אויך החומרי, און דער אויבערשטער האָט אים געגעבן אַ שליחות ער זאָל זיין "ומלאו את הארץ", ער זאָל אויפטאָן אין וועלט, דאַרף ער דאָך האָבן צוטאָן מיט וועלטישע זאַכן – איז "המתאבק עם מנוול", בשעת ער איז זיך מתאבק מיט חומריות און מיט גשמיות – קלעפּט זיך צו אים עפּעס צו, ווערט אין אים אַן ענין של חסרון; דאָס איז אָבער אַ חסרון פון דער וועלט אַרום אים, דאָס איז ניט זיינע.

וויבאַלד אָבער דאָס האָט זיך צו אים צוגעקלעפּט, איז דאָס גופא אַ הוכחה, אַז ער דאַרף וויסן פון די חסרונות – כדי ער זאָל זיי מתקן זיין, און מתקן זיין אין אַזאַ אופן, אַז ער וועט נאָך וועלן ווערן יותר יקר וחביב ווי ער איז געווען פריער, בלשון הרמב"ם המוזכר לעיל.

יד. וואָס דאָס איז אויך דער ביאור אויף האמור לעיל: די שלימות וואָס ס'איז דאָ בשעת מ'רעדט וועגן אַן ענין פון תשובה, און מ'טראַכט זיך אַריין אין דער מחשבה, אַז דאָס זאָל ניט זיין קיין דבר ההולך וחולף, נאָר דאָס זאָל דערנאָך אַראָפּקומען פון מחשבה – אין דיבור ומעשה,

איז אָט דעמולט, בשעת מ'טוט דאָס בתוככי פון צען אידן, עאכו"כ פון כמה עשיריות – איז יעדערער משלים את השני, און העלפט אים אַרויס, און העלפט אים אַרויס בסבר פנים יפות, אַז ער זאָל צוקומען צו זיין שלימות, דורך דערויף וואָס ער וועט משלים זיין דעם חסרון, און וועט ברענגען די זאַכן וואָס ער האָט געטאָן בשלימות, אַז זיי זאָלן זיין מתאים צו דער שלימות וואָס ווערט פון אים פאַרלאַנגט נאָכמערער ווי עס איז געווען אין שבת שובה,

וואָרום דערווייל איז אים צוגעקומען האָט אים דער אויבערשטער געגעבן נאָך אַ טאָג לעבן, צוזאַמען מיט זיין "חלק אלוקה ממעל ממש", וואָס האָט זיכער אין אים "געאַרבעט" אויף מגלה-זיין אין אים, אַז ער איז "יצור כפיו של הקב"ה", פונקט ווי ס'איז געווען אדם הראשון, [ווי די גמרא זאָגט אין סנהדרין, אַז אדם הראשון'ס בריאה

איז געווען אין אַזאַ אופן, אַז דאָס זאָל פועל זיין אויף יעדער אידן עד סוף כל הדורות, איז ער מיוצאי חלציו פון אדם הראשון],

פועל'ט דאָס אין אים, אַז ער זאָל קומען צו תכלית השלימות – ווי ס'ווערט פאַרלאַנגט פון "יצור כפיו של הקב"ה",

וואָס מ'האָט דאָך אים געגעבן, ווי מ'האָט אָנגעזאָגט אדם הראשון, "ויניחהו בגן עדן לעבדה ולשמרה", ווי ער טייטשט-אָפּ אין תרגום יונתן בן עוזיאל, אַז דאָס גייט אויף מצוות-עשה און מצוות לא-תעשה,

אַז אע"פ וואָס ער איז בתכלית השלימות, ווי "יצור כפיו של הקב"ה", און האָט שוין געפועל'ט אין וועלט דעם "נשתחוה ונכרעה נברכה לפני הוי' עושנו", איז ערשט דערנאָך דאַרף ער אָנהויבן דעם "לעבדה ולשמרה", אפילו ווען ער געפינט זיך שוין אין אַ מעמד ומצב, אַז ער האָט געמאַכט פון דער וועלט אַרום זיך, אַז ס'איז געוואָרן אַ גן-עדן בפשטות, וואָרום ס'איז געוואָרן אַ "גן-עדן", "לגני לגנוני" – אַ מקום של טיול ושעשועים פאַר דעם אויבערשטן.

וויל דער אויבערשטער, אַז אַ איד זאָל זיין "לעבדה ולשמרה", און דורך דערויף וועט ער נאָך מוסיף זיין שלימות אין דעם "גן בעדן מקדם". וואָס דאָס איז דאָך בפשטות דער ענין פון "לעבדה ולשמרה" איז דאָך, אַז ס'זאָל צוקמען אין דעם אָרט אין וועלכן ער איז עובד ושומר. וואָס דאָס באַווייזט דאָך אויך אויף די שליחות פנימית שבדבר.

טו. וואָס על דרך זה איז אויך פאַרשטאַנדיק בנוגע לענינינו, און ווי דערמאָנט פריער, "ומלאו את הארץ וכבשוה", וואָס דאָס איז דאָך אָנגעזאָגט געוואָרן יעדער אידן, עאכו"כ אָט די וואָס זיינען עסקני ציבור, און די וואָס קענען אויפטאָן אין וועלט, אפילו מחוץ לבני ישראל,

זאָלן זיי ניט רעכענען, אַז בשעת מ'געפינט זיך אין בית-הכנסת ובית המדרש, אָט דעמולט איז ער אַ שליח פון דעם אויבערשטן אויף לערנען תורה און מקיים-זיין מצוות – אדרבא, דאָס האָט געטאָן אַ נשמה קודם שירדה אין גוף; אָט דאָס וואָס ווערט נתחדש דורך דערויף וואָס "חלק אלוקה ממעל ממש" קומט אַראָפּ אין אַ גוף גשמי, און דער גוף גשמי געפינט זיך אין עולם הזה התחתון שאין תחתון למטה הימנו, אין גשמי און חומרי, איז דאָס כדי ס'זאָל צוקומען די עבודה פון "ומלאו את הארץ",

אַז זייענדיק אין וועלט האָט ער די עיקר שליחות פון דעם אויבערשטן, אַז בשעת ער געפינט זיך צווישן אידן דאַרף ער אויסנוצן זיין גאַנצע השפעה מיט זיין גאַנצן שכל און נכסים, "בכל לבבך ובכל נפשך ובכל מאדך" – ממונך, כדי צו משפיע זיין אויף יעדער אידן, ער זאָל וויסן זיין, אַז ער האָט אַ שליחות מאַכן ליכטיק זיך און מאַכן ליכטיק די וועלט אַרום זיך;

משפיע-זיין, נוסף וואָס ער טוט דאָס על ידי דיבור ועשי' - איז צום אַלעם ערשטן טוט ער דאָס דורך דערויף וואָס ער באַווייזט אַ לעבעדיקן ביישפיל פון זיין הנהגה עצמו.

טז. ונוסף על זה: אָט די וואָס בהשגחה פרטית האָבן זיי השפעה אויף ענינים וואָס זיינען אויך פאַרבונדן מיט דער שכונה, און מיט אַ שטאָט, און מיט אַ סטעיט, און מיט דער גאַנצער מדינה, און בכל העולם כולו -

דאַרפן זיי וויסן זיין, אַז דאָרטן האָבן זיי די עיקר שליחות שלו, אויף מאַכן בכל אחד ואחת, אַז ס'זאָל זיין דער ענין בנוגע צו ניט-איד - די שבע מצוות בני נח מיט אַלע זייערע הסתעפות וסניפים שלהם, על דרך זה בנוגע צו אידן - אין די אַלע תרי"ג מצוות מיט אַלע סניפים שלהם,

און כל העולם כולו - וואָס ס'איז דאָך באַשאַפן געוואָרן כדי דאָס זאָל זיין אַ "דירה לו יתברך", דאָס זאָל דורכגענומען ווערן און אָנגעפירט ווערן דורך ג-טלעכקייט - איז דאָס וואָס ער האָט די מעגלעכקייט אויף איינווירקן אויף אַ צווייטן אידן אָדער אויף אַ סך אידן; האָט די מעגלעכקייט אויף איינווירקן אויף אַ ניט-אידן און אויף אַ סך ניט-אידן, ביז וואַנענט אויף כללות ההנהגה פון אַ שכונה און פון אַ שטאָט און פון אַ פלאַץ, פון אַ גאַנצער מדינה אָדער די גאַנצע וועלט,

איז אָט דאָרטן איז האָט ער די שליחות, אַז דורך דערויף וואָס ער טוט זיך אָן אין די לבושים וואָס דער אויבערשטער האָט אים געגעבן, און גייט מיטן אויבערשטנ'ס כח (וואָס די "לבושים" פון דעם אויבערשטן זיינען דאָך מצוות, כמבואר אין מדרשי חז"ל), צום אַלעם ערשטן איז ער אַ לומד תורה ומקיים מצוות בכל יום ויום, און דערנאָך, בשעת ער גייט און געפינט זיך צווישן ניט-אידן, איז אָט דעמולט ווייזט זיך אויס אַ ניט-אידן, אַז דאָס רעדט ער, אָבער באמת איז ער "שלוחו של אדם העליון כמותו" - דאָס ווערט אַ שליח פון דעם אויבערשטן, וואָס "מי יאמר לו מה תעשה",

אַז בשעת ער גיט-איבער דעם אויבערשטנ'ס אַ שליחות, אַז לויט צדק ויושר - וואָס זיי זיינען מיוסד אין "תורת חסד" און אין תורה "לעשות צדקה ומשפט" - דאַרף זיך די שכונה און די שטאָט און דער פלך און די מדינה פירן באופן מסויים - איז אָט דעמולט ווערן די ווערטער סוף-כל-סוף אָנגענומען, וואָרום דאָס איז די ווערטער פון "דבר אלקינו יקום", אפילו אַז ס'איז "רבות מחשבות בלב איש".

יז. אע"פ וואָס אַמאָל וויל מען אים אויספרואוון, אָדער ס'דאַרף זיין "לפום צערא אגרא", אָדער מ'דאַרף דורכברעכן אַ גרעסערן חושך, קומט דאָס ניט אָן אַזוי גרינג גלייך ביי דעם ערשטן מאָל רעדן, נאָר מ'דאַרף רעדן אַ צווייטן מאָל און אַ דריטן מאָל, ובלשון חז"ל "אפילו מאה פעמים" - רעדט ער דאָס אויך אומאויפהערליך, און ער רעדט דאָס מיט די פאַסיקע ווערטער, מיוסדים און גענומען פון דבר הוי' ווי דאָס שטייט אין תורה,

און אָט דעמולט, בשעת ער איז מקיים אָט די שליחות, יעדערער לפי ענינו, אַ יחיד אַלס אַ יחיד, אַן עסקן ציבורי אַלס ציבורי, אַן עסקן בכל הפלך - אפילו צווישן ניט-אידן - זיין שליחות און זיין תפקיד, איז בדרך ממילא, וויבאַלד אַז ער איז שלוחו של הקב"ה, איז אַ זיכערע זאַך אַז דער אויבערשטער נעמט פון אים אַראָפּ די אַלע דאגות וואָס קענען אים מבלבל זיין פון ממלא זיין שליחותו בשלימותה, ובשמחה ובטוב לבב,

צי דאָס איז דאגות ח"ו פון בני, אָדער חיי, אָדער פון מזוני, און דוקא "מזוני רוויחי" - באַקומט ער דאָס "מידו המלאה הפתוחה הקדושה והרחבה" פון דעם אויבערשטן, און באַקומט דאָס בסבר פנים יפות פון דעם אויבערשטן, כדי ער זאָל נאָכמער מוסיף זיין אין דעם מילוי השליחות.

און אַלע צוזאַמען גרייטן-צו די וועלט אין אַזאַ אופן, אַז ס'זאָל זיין בקרוב ממש דער "ונגלה כבוד הוי' וראו כל בשר יחדיו", אַז ווי דער בשר שטייט אַלס "בשר"; ער דאַרף ניט אָנקומען צו הסברה פון שכל, עאכו"כ אַז ער דאַרף ניט אָנקומען צו הסברה פון אַ צווייטן מענטשן, וואָרום ער אַליין ניט נאָר ער פאַרשטייט; זיין פלייש זעט אלקות בגלוי.

יח. וואָס "לא נפלאת היא ולא רחוקה היא", נאָר ווי תורת אמת זאָגט, אַז "קרוב אליך הדבר מאד בפיך ובלבבך לעשותו",

וואָס ווי דער רמב"ן און דער אַלטער רבי טייטשן דאָס אָפּ, אַז דאָס גייט אויף מצות התשובה - מאַכט ער אויף אין דער גאַנצער וועלט, אַז די גאַנצע וועלט "תשוב", קערט זיך אום צו איר צושטאַנד ווי זי איז געשטאַנען קודם החטא, וואָס דעמולט איז דאָך "עולם על מילואו נברא", און אפילו דער נחש איז געווען אַ שמש גדול": מ'האָט אים גענוצט אין אַלע גוטע זאַכן, און ער האָט דאָס געטאָן בשמחה ובטוב לבב, מרצונו הטוב,

זאָגט מען, אַז איצטער איז דאָס אויך אַזוי, און דאָס איז "קרוב אליך הדבר מאד בפיך ובלבבך". מ'מאָנט נאָר פון אים, אַז ס'זאָל זיין "לעשותו" - ער זאָל דאָס אַראָפּברענגען אין מעשה בפועל,

און אָט דעמולט איז "הקב"ה עוזרו": נאָך מער ווי די שלימות צו וועלכע ס'קען צוקומען אַ נברא מצד זיינע כוחות פון אַ נברא - באַקומט ער אויך "ברכת ה' היא תעשיר", אַז ער טוט דאָס אין אַ רייכן אופן, אין דעם רייכסטן אופן ווי ס'קען זיין אין דער שלימות,

וואָרום ער גייט מיט ברכת השם וואָס גייט מיט אים מיט, אָנהויבנדיק פון ראש-השנה, וואָס דעמולט האָט ער שוין באַקומען די כתיבה וחתימה טובה, "נכתבין לאלתר" - "ועמך כולם צדיקים" - אין "ספרן של צדיקים", איז דאָס אויך "נחתמין",

און דערנאָך נעמט מען דערפון מיט, בדוגמא ווי אַ "ראש", אַ קאָפּ, וואָס זי פירט-אָן מיט דעם גאַנצן גוף, וואָרום דאָס איז אַ געזונטער גוף, בכל ימות השנה, אַז ס'וועט אַ געזונטער יאָר ברוחניות, בדרך ממילא אַ געזונטער יאָר בגשמיות, אין בני חיי ומזוני ברוחניות ובני חיי ומזוני בגשמיות,

און אין תכלית השלימות פון וועלט, וואָס דאָס וועט זיין דער "לתקן עולם במלכות שד-י" על ידי משיח צדקנו, וואָס דאָס הענגט דאָך אָפּ אָן דערויף וואָס יעדערער וועט ממלא-זיין זיין שליחות כדרוש, ובשמחה ובטוב לבב,

אַ שנת גאולה אמיתית ושלימה, במהרה ובימינו - גלייך אין תחילת השנה - ממש.

ניגנו "מארש נאפאליאן".

• • •

**שיחה ג.**

יט. וואָס דאָס האָט דאָך אויך אַ שייכות מיט אַ יאָרצייט, וואָס די התוועדות איז דאָך אויך פאַרבונדן מיט אַ יאָרצייט,

וכמדובר כמה פעמים וואָס דער ענין פון אַ יאָרצייט איז דאָך דאָס מידי שנה בשנה, יעדער יאָר -

ווערט דאָך אין דערויף די שאלה: בשלמא דעם ערשטן יאָר, בשעת דאָס קומט אין אַ המשך צו אמירת קדיש וכיוצא בזה כמה הנהגות פאַרבונדן מיט ערשטן יאָר; בשעת ס'זאָגט דערנאָך תורת חיים און תורת אמת, אַז נאָך דעם ערשטן יאָר טאָר מען אין דערויף ניט ממשיך זיין, ווי דער רמב"ם איז מבאר אין דיביידע קצוות, ווי אַזוי אין דעם זמן החיוב דאַרף מען האָבן די הנהגות, ובזמן לאחרי "שבעה" ולאחרי "שלושים" ולאחרי י"ב חודש, באַווייזט דאָס אויף אַן ענין בלתי-רצוי בהנהגה שלו ובאמונה שלו, ווי פאַרשטאַנדיק פון דעם רמב"ם דאָרטן,

[וואָס ער איז דאָך געווען דער "מורה הנבוכים" בדורו, און דורך דערויף איז געקומען זיין ספר, און דורך דערויף אויך זיינע הוראות, ובפרט די הוראות אין ספר הלכות שלו, אין "משנה תורה" "יד החזקה", ווי אַזוי מ'דאַרף זיך פירן אין יעדער ענין אין וועלכן מ'איז "נבוך"],

אעפ"כ זאָגט מען, אַז ס'קומט דער יום בשנה - איז אָט דעמולט איז דאָס פאַרבונדן מיט מנהגים מיוחדים.

וואָס בכללות אַן ענין פון יאָרצייט דערמאָנט דאָך יעדערן אויף דעם ענין פון נצחיות הנשמה.

אַז אע״פ וואָס ער האָט דאָס ניט געזען אַזויפיל יאָרן, און אע״פ וואָס ער האָט געטאָן אַזוינע ענינים וואָס באַווייזן, אַז ס׳איז גאָר אַוועקגעגאַנגען די נשמה פון עולם-הזה, ווי כמה ענינים ווי דאָס איז בפשטות זייער פירוש אין די הנהגות פאַרבונדן מיט שנה ראשונה, איז אעפ״כ דאַרף ער וויסן זיין, אז די נשמה איז אַ נצחית.

און דאַרף וויסן זיין, אַז ניט דער פירוש אין דערויף איז, אַז זי איז אַ נשמה נצחית אין גן-עדן, במילא, וואָס האָט דאָס פאַר אַ שייכות מיט אים? נאָר דאָס האָט אַ שייכות מיט אים, און האָט אַ שייכות ביז אין מעשה שלו, אין הנהגה שלו בפועל, אין עולם-הזה התחתון, נשמה בגוף.

וואָס דערפאַר איז דאָך דאָ די אַלע הוראות פאַרבונדן מיט דער נשמה – אע״פ וואָס דאָס איז ניט דער ערשטער יאָרצייט, נאָר כמה שנים לאחרי זה.

ואדרבא, מ׳זאָגט, אַז משנה לשנה האָט דאָך געדאַרפט זיין – על פי טבע – דער ענין שוואַכער פאַרבונדן מיט אַ יאָרצייט –

זאָגט מען, אַז דאָס גייט אַריין אין כלל פון תורה ומצוותי׳, פון עניני קדושה, און אין עניני קדושה איז דער כלל, אַז ״מעלין בקודש״: מידי שנה בשנה דאַרף מען נאָך מוסיף זיין אין דעם קשר וואָס מ׳האָט מיט אָט דער נשמה.

און דער קשר איז ניט נאָר אין ענינים רוחניים ולמעלה פון זיין חלק הנשמה מלובש בגוף; אדרבא, דאָס וואָס קומט אַרויס בגלוי – איז דאָס אין דער נשמה ווי זי איז מלובש בגוף און אין הנהגת הגוף.

ב. וואָס דאָס איז דאָך אויך דער כללות הענין, אַז בשעת ס׳איז דאָ דער ענין אויף וועלכן מ׳פּראַוועט אַ יאָרצייט, פרעגט מען דאָך די שאלה: אין וואָס באַשטייט דער ענין? – זאָגט דער רמב״ם, אַז דאָס איז דער ענין התשובה.

ובלשון הכתוב ״והחי יתן אל לבו״, אַז ווי ער איז חי און לעבעדיק, דאַרף ער אויסנוצן אָט דאָס וואָס דער טאָג איז אים מעורר, און נאָכמערער ״יתן אל לבו״ – אין די ענינים וואָס ער האָט שוין געהאַט אין דערויף שימת הלב אפילו, איז וויבאַלד אַז ס׳קומט נאָכאַמאָל דער טאָג – איז אַ זיכערע זאַך, אַז ער קען אין דערויף נאָכמערער ״יתן אל לבו״.

וואָס בכללות איז דאָס, אַז בשעת מ׳לערנט זיך אָפּ און מ׳דערמאָנט זיך אויף דעם חיים פון דעם נפטר נאָך וועלכן מ׳פּראַוועט יאָרצייט,

– וואָס זיכער איז כמדובר כמה פעמים וואָס ספרי מוסר טייטשן אָפּ, אַז ״זה ספר תולדות אדם״, אַז ״תולדות אדם״ ווי אַזוי אַ איד לעבט אין דער וועלט – ווערט דאָס אַ ״זה ספר״, ווערט דאָס אַ ״ספר״ וועלכן מ׳דאַרף ״לערנען״ און ״אָפּלערנען״, און אָפּלערנען זיך ״מכל אדם״ וואָס אים דאַרף צוקומען אין די ענינים וואָס ער דאַרף

משלים-זיין בפשטות; צוקומען אויך אין די ענינים וואָס ער דאַרף משלים-זיין נאָכמער אין די שלימות.

וואָס לכאורה איז דאָך דאָ כמה ענינים אין וועלכע מ'קען זיך מתבונן זיין און מ'דאַרף זיך מתבונן זיין – איז לכל לראש קומט אָט די ענינים וואָס בפשטות האָט מען זייערע תוצאות בחיים, איצטער אין דעם טאָג פון יאָרצייט און אַ טאָג נאָכדעם און אַ טאָג פאַרדעם.

וואָס דאָס איז בנוגע דידן – אויך אַן ענין וואָס האָט אין זיך כמה וכמה הוראות.

כא. וואָס דאָס איז דאָך דאָ וואָס מ'לערנט די תורה ווי זי איז אָפּגעדרוקט אין "מה שתלמיד וותיק עתיד לחדש" אין די ספרים פון דעם טאַטן, וואָס ווי אַזוי איז דאָס געקומען בפשטות, בפועל, אַז דאָס זאָל קענען אָנגעשריבן ווערן און דערנאָך אויך אָפּגעדרוקט ווערן, און אין אַזאַ אופן, אַז היינט און נעכטן, און מאָרגן און איבערמאָרגן, קען מען דאָס לערנען בפועל; לערנען ווי מ'דאַרף לערנען אַ ענין פון תורה: "באימה וביראה וברתת ובזיע", ו"גדול לימוד שמביא לידי מעשה" – אַז דאָס האָט אויך אַ ווירקונג און דאָס ברענגט אין מעשה בפועל.

וואָס ווי אַזוי איז דאָס געקומען בפועל אָט די מעגלעכקייט? איז דאָס כמסופר כמה פעמים, על כל פנים איבערחזר'ן בקיצור,

אַז אַזוי ווי דער טאַטע איז געווען פאַרשיקט בגלות, וואָס דאָרט איז ניט געווען קיין טינט, איז די נאָך וועלכע איך פראַווע איצטער דער יאָרצייט, די מאַמע, פלעגט גיין אין פעלד און אויסקלייבן דאָרטן עשבים, אַזוינע גראָזן, וואָס מ'האָט איר מסביר געווען – אָדער זי האָט אַליין געוואוסט – אַז דערפון קען מען מאַכן אַן ענין וואָס דערנאָך, אַז מ'וועט אים שרייבן אויף פּאַפּיר וועט מען דאָס קענען לייענען, וועט זיין "רישומו ניכר",

און פלעגט צוזאַמענקלייבן אָט די גראָז, און צוזאַמען-מישן דערנאָך מיט וואַסער, צערייבן וכו', און דאָס איז געווען די טינט וואָס דערנאָך האָט דער טאַטע געשריבן די חידושים.

אַזוי ווי ס'איז ניט געווען קיין פּאַפּיר – האָט ער דאָס געשריבן אויף די גליונות פון די ספרים וואָס איז ביי אים געווען, אָדער אויף די געציילטע שטיקלעך פּאַפּיר וואָס ער האָט געקענט באַקומען.

כב. און דערנאָך איז געווען דער המשך הדבר, אַז נאָך דערויף ווען ער איז נסתלק געוואָרן, האָט זי דאָס מיט זיך מיטגענומען,

וואָס דעמולט איז דאָס געווען אויך אַן ענין פון סכנת נפשות:

זי איז דאָך אויך געווען פאַרשיקט מיט אים צוזאַמען, און בשעת מ׳געפינט ביי איר כתבים, און מ׳ווייס ניט וואָס און ווען, איז לכל לראש, ווי ס׳פירט זיך אין יענער מדינה - איז דאָס פאַרקערט פון ״חזקת כשרות״! אַז מ׳ווייס ניט וואָס דער מענטש איז - איז צום אַלעם ערשטן דאַרף מען אים אַריינזעצן אין בית האסורים! און דערנאָך, אַז ס׳וועט זיין אַ זמן פנוי - וועט מען חוקר ודורש זיין וואָס איז דאָרט געשריבן, צי דאָס איז נגד המלוכה אָדער פאַר דער מלוכה, ובהתאם לזה וועט זיין דינו.

וואָס אַזוי איז דאָרט די הנהגה צו יעדערן וואָס גייט אַרום בחוץ.

עאכו״כ צו אַזאַ וואָס איז געווען כמה שנים אונטער אַ משטר מיוחד, אונטער אַ השגחה מיוחדת, און געווען די פרוי פון איינעם וואָס איז געווען פאַרשיקט אַהינצו אויף כמה וכמה שנים, וויבאַלד אַז מ׳האָט אויסגעטייטשט זיינע פעולות אין הפצת היהודת אַז דאָס מיינט אַנטקעגן דער מלוכה.

ניט קוקנדיק אויף דעם אַלעם האָט זיך מיטגענומען די אַלע בלעטלעך און די ספרים וכו׳, און דערנאָך זיך איינגעשטעלט אין סכנה אין דעם המשך הדברים, ביז וואַנענט אַז ס׳איז דערנאָך געקומען בכמה אופנים [וואָס אין כאן המקום לספר על דבר זה], ביז ס׳איז געקומען אין חוץ-לארץ, וואָס זי איז נאָך פריער אַהערצו געקומען,

און האָט געהאַט דערנאָך אויך דעם המשך זכותה, וואָס דאָס איז הולך ונמשך אין אַ ״פעולה נמשכת״ עד עתה, אַז בשעת מ׳לערנט אין איינעם פון אָט די ספרים איז ״חמרא למרי׳ טיבותא לשקיי״ איז דאָס לזכותה אויך אויף עליית הנשמה צו נאָך אַ העכערע דרגא ווי זי איז בלאו הכי.

כג. וואָס דאָס איז גלייך דער ״והחי יתן אל לבו״. אין וואָס ״יתן אל לבו״?

אַז בשעת מ׳געפינט זיך און מ׳שטייט פאַר אַן ענין, וואָס ס׳ווייזט זיך אויס בדרך הטבע - און ניט נאָר דערפאַר וואָס ער איז אַ מרה שחורה׳ניק, נאָר דערפון ווי ער זעט ווי ס׳האָט זיך געפירט נעכטן, מיט אַ יאָר פאַר דערויף, מיט צוויי יאָר פאַר דערויף און מיט אַ דור לפני זה:

אין יענעם מעמד ומצב ווי מ׳האָט זיך געפונען איז ניט געווען קיין אויסזיכט - בדרך הטבע - אַז מ׳וועט קענען אַרויספירן די כתבים מעבר לגבול המדינה, מיט אַלע תוצאות שלאחרי זה, אַז מ׳וועט דאָס דרוקן און מ׳וועט לערנען אין זיי וכו׳.

ס׳איז ניט געווען קיין אויסזיכט אַז מ׳וועט אַרויסלאָזן בכלל אַ אידן פון דאָרטן, עאכו״כ אַ אידן וואָס איז געווען פאַרשיקט, אָדער אַ אידישע פרוי וואָס איז געווען פאַרשיקט און געשטאַנען תחת השגחה אויך לאחרי זה אַלס אַ חשודה באותו ענין.

ובפרט נאָך, אַז זי האָט נאָך געהאַט אָט דעם שם המשפחה, וואָס דאָס אַליין איז שוין געווען אַ ״סערטיפיקעיט״, אַ תעודה, אַז ער איז מתאים - וויבאַלד אַז דאָס איז זיין שם

משפחה - ער זאָל "זיצן" באותו בית! ניט אַרומגיין לחפשי בהמדינה, עאכו"כ - ניט דערנאָך קענען אַרויספאָרן מחוץ למדינה.

וואָס אמת טאַקע מ'האָט געדאַרפט משנה שֵם זיין און באַקומען פּאַספּאָרטן וכו', וויסנדיק אָבער דעם תכלית הדיוק והחיפוש ווי ס'איז אין יענער מדינה, איז דאָס וואָס ס'האָט געהאָלפן דער שינוי שֵם און שינוי תעודה וכו' - איז דאָס דערפאַר וואָס מ'האָט דערצו ניט געוואָלט משים לב זיין, איז דאָס געבליבן מערניט ווי ביי די פקידים התחתונים - ביי די קלענערע פקידים - האָבן זיי אַרויסגעלאָזט, אָבער די וואָס האָבן אָנגעפירט וויסן די אַלע ענינים מיט די אַלע קונצן, און דאָס וואָס מ'איז אַרויסגעפאָרן וכו' - דערפאַר וואָס דאָס האָט זיי ניט געהאַרט; פאַרוואָס האָט זיי ניט געהאַרט? - דערפאַר וואָס "לב מלכים ושרים ביד השם": אַזוי האָט געוואָלט דער אויבערשטער, וכאמור לעיל "רבות מחשבות בלב איש ועצת הוי' היא תקום".

כד. מ'דאַרף דאָך אָבער האָבן דעם לימוד; דאָס איז דאָך ניט אַן ענין וואָס מ'לערנט מערניט ווי אויף צו וויסן ווי אַזוי דער אויבערשטער פירט, נאָר - וואָס דאַרף אַ אידן אָפּלערנען ווי אַזוי ער דאַרף זיך פירן,

כאמור לעיל, אַז בשעת ס'קומט צו אים אַ מעמד ומצב און אַ בנין און א בעי', אַ שאלה, אַן ענין, וואָס אים ווייזט זיך אויס בדרך הטבע, אַז אע"פ וואָס דאָס איז אַ גוטע זאַך און אַ ריכטיקע זאַך און אַ נויטיקע זאַך, און דאָס איז אַ זאַך וואָס תורת אמת - דעם אויבערשטנ'ס תורה - מאָנט פון אים, אַז ער זאָל טאָן אין דעם;

ער גיט אָבער אַ קוק, אַז פופציק יאָר נאָכאַנאַנד, ווי ס'איז געווען אין יענער מדינה בעת ההיא, האָט מען ניט מצליח געווען אויף אַרויספירן מחוץ לגבול, ובפרט נאָך אַן עלטערע פרוי מיט כתבים,

בשעת פופציק יאָר - יובל שנים, וואָס דאָס ווערט אָנגערופן אין תורת אמת בשם "עולם", אַן אייביקייט - האָט מען זיך געפּרואווט און מ'האָט ניט מצליח געווען - אַ חוץ יחידי סגולה, און דאָס אויך, אָן כתבים וכיוצא בזה -

איז לכאורה, וואָס וועט ער אָפּגעבן פון זיין צייט און פון זיין טירחא, אָנהויבן טאָן אין אַ זאַך, וואָס בדרך הטבע האָט מען פופציק יאָר נאָכאַנאַנד ניט מצליח געווען דורכפירן דאָס אין מעשה בפועל, און ס'איז דאָך "המעשה הוא העיקר" - און מיט אַמאָל איז מען צו אים געקומען מיט אָט דער בקשה, ער זאָל דורכפירן אָט דעם געזעץ אָדער אָט דעם ענין, וועט ער אָפּלייגן זאַכן וואָס ער קען דאָס לייכט אויספירן, אָדער עכ"פ אויספירן על ידי השתדלות, און פאַרנעמען זיך מיט אַ זאַך וואָס פופציק יאָר נאָכאַנאַנד האָט דאָס ניט מצליח געווען!

קומט צוגיין אָט דער "תולדות אדם" ווערט דאָס אַ "ספר" און אַ הוראה, אַז וויבאַלד (אַז בהשגחה) אַז מ'האָט אים דערציילט וועגן אָט דעם ענין, און די וועלט האָט אַ

בעל הבית, איז דאָס געטאָן געוואָרן בהשגחה פרטית, איז צו אים געקומען אָט די ידיעה, אַז ס׳איז דאָ אַ זאַך וואָס דאַרף האָבן אַ תיקון, אָדער אַ זאַך וואָס דאַרף האָבן אַ השלמה, אָדער אַ זאַך וואָס דאַרף האָבן אַ השלמה להשלמה, וואָרום אַזוי זאָגט דער אויבערשטער בתורתו, תורת חיים –

איז אָט דעמולט איז דאָס ניט קיין צייט אויף חשבונות. ער דאַרף צום אַלעם ערשטן גיין ממלא-זיין דעם אויבערשטנ׳ס שליחות.

בשעת ער רעדט דערנאָך מיט די מיט וועלכע ער דאַרף רעדן, דאַרף ער רעדן במדידה והגבלה, כדי ביי זיי זאָל דאָס נתקבל ווערן, און זיי זאָלן מקבל זיין און דורכפירן דעם אויבעשטנ׳ס שליחות, וואָס מצד חושך הגלות דאַרף מען אָנקומען צו זיי;

אָבער דער חיות מיט דער נשמה מיט דער נשמה מיט וועלכע ער גייט דאָס טאָן – האָט ניט קיין שייכות צו חשבון והגבלה, צו מדידה והגבלה.

כה. און דער סיפור דערציילט אים, אַז בשעת אַ איד איז מחליט מיט אַן אמת, און שטעלט זיך ניט אָפּ פאַר שוועריקייטן, און טוט אין דער ריכטונג ווי תורה האָט אים אָנגעוויזן – איז סוף-כל-סוף, נעמט דאָס אַ טאָג נעמט דאָס אַ חודש נעמט דאָס אַ יאָר נעמט דאָס מערער, אָבער סוף-כל-סוף איז "דבר אלקינו יקום", אַז ס׳ווערט נתמלא דעם אויבערשטנ׳ס שליחות, וואָס ער האָט זוכה געווען זיין דער שליח אויף דאָס דורכפירן,

און ס׳ווערט נתמלא, ניט נאָר פאַר אַ יחיד – פאַר אים אָדער פאַר אַ צווייטן, פאַר אַ דריטן – נאָר אויך ווי מ׳לערנט אָפּ פון דעם סיפור, אַז דערנאָך קומט דאָס אַרויס אין אַ תועלת לרבים, און קומט אַרויס אין אַ תועלת אין לימוד התורה, אין קיום מצוותי׳, אין התעוררות צו עניני תפלה והתבוננות אין "דע את אלקי אביך" וואָס דאָס ברענגט צו "ועבדהו בלבב שלם".

און דאָס קומט אַרויס דערנאָך אין אַזאַ אופן, פונקט ווי אין דעם ענין, אַז נאָך דערויף ווי ס׳איז געווען דער "מן המיצר", ווען מ׳האָט אָנגעהויבן טאָן אין שרייבן און דערנאָך אַרויספירן און דערנאָך דעם המשך שבדבר, איז דערנאָך געוואָרן אל המרחב, אַז מ׳קען לערנען און מ׳לערנט אָט די תורה מתוך המרחבה, מתוך מרחב אמיתי, סיי בגשמיות סיי ברוחניות, ואין הדבר תלוי אלא ברצונו.

כו. וואָס אין דערויף איז דאָך אויך דאָ אַ הוראה – לויט תורת הבעש"ט – פאַר יעדערן וואָס הערט פון אָט דער מעשה, אָדער האָט נאָך פריער געוואוסט דערפון, אַז דאָס מיינט מען אים בפועל!

אַז בשעת אין אַ האַלבע שעה אַרום, אָדער מאָרגן אינדערפרי, וועט ביי אים זיין אַן ענליכער פאַל, זאָל ער זיך ניט שרעקן פאַר קיינע חשבונות ומדידות והגבלות. ער דאַרף נאָר מברר זיין, אַז דאָס איז על-פי התורה, וואָס זי איז "תורת אמת" – איז דאַרף

ער גיין און ממלא זיין די שליחות, באופנים המתאימים, כמדובר, כדי אַז דאָס זאָל דורכגעפירט ווערן אויך ביי די תחתונים; ער דאַרף אָבער גיין אַלס אַ שליח פון דעם אויבערשטן,

און אָט דעמולט איז אַ זיכערע זאַך, אַז ער וועט דאָס דורכפירן, און עס וועט דערפון זיין דערנאָך אַ תועלת הרבים, צום אַלעם ערשטן צווישן אידן,

און דערנאָך איז כמדובר כמה פעמים, אַז בשעת אַ איד ווערט מערער בשלימות ווי ער איז געווען מיט אַ רגע פאַר דעם, און אַ איד האָט דאָך אויף זיך דעם ציווי, אַז ער דאַרף זיך משתדל זיין, אַז די וועלט אַרום אים, די אידן, זאָלן זיך פירן (אין מילוי) אין מקיים זיין די אַלע (שב) מצוות אין וועלכע זיי זיינען מחוייב,

און נאָכמערער - מקיים-זיין זיי ניט דערפאַר וואָס דאָס קומט אַזוי אויס על פי שכל, נאָר ער פירט-אויס, אַז זיי זיינען דאָס מקיים דערפאַר וואָס ס'איז דאָ אַ "סופּער-פּאַוער": דאָס איז געגעבן געוואָרן פון דעם אויבערשטן וואָס ער איז למעלה מכל מדידה והגבלה,

וואָס יעדער טאָל, און יעדער יצור וכל אשר נשמת רוח חיים באפו, אפילו אַ איד אָדער אַ ניט-איד - איז "ומלכותו בכל משלה", דאַרף ער דורכפירן אָט די שליחות.

און סוף-כל-סוף פּועל'ט מען דאָס, אַז דאָס זאָל נתמלא-ווערן - געטאָן ווערן - אויך דורך ניט-אידן, דערפאַר וואָס דאָס איז געגעבן געוואָרן פון דעם אויבערשטן אַליין.

כז. וואָס אויב בכל המדינות איז דאָס אַזוי, עאכו"כ במדינה זו, וואָס איר גאַנצע התייסדות - איר גרינדונג - איז געוואָרן מצד רדיפות אויף אמונה און דת, און דערפאַר איז מען אַנטלאָפן אַהערצו, כדי דאָ זאָלן זיי קענען דינען און לעבן ווי ביי זיי קומט-אויס לויט זייער אמונה, באופן המותר על-פי שבע מצוות בני-נח, כמבואר בארוכה אין פוסקים בנוגע צו מצות שיתוף וכיוצא בזה.

און דערנאָך, אַז מ'קומט און מ'פרעגט ביי אַ מענטשן וואָס לעבט אין דער מדינה, אין וואָס האָט ער אמונה, צי האָט ער אמונה אין "כוחי ועוצם ידי"? - זאָגט ער: ניין! פּונקט פאַרקערט! אויף זיינע געלט האָט ער אָפּגעדרוקט, אַז דאָס איז ניט געלט פון "כוחי ועוצם ידי"; דאָס איז געלט וואָס זיינען פאַרבונדן דערמיט וואָס ער טראָסט אין דעם אויבערשטן.

וואָס דערפון איז פאַרשטאַנדיק, עאכו"כ, אין זאַכן וואָס זיי זיינען ניט אַזויפיל חומריות'דיק אָדער ניט אַזויפיל גשמיות'דיק ווי געלט איז, איז דאָך זיכער אַ זיכערע זאַך אַז דאָ קען מען דאָס דורכפירן בקלות יותר - אין אַ לייכטערן אופן - ווי אין אַן אַנדער מדינה.

און נאָכמערער, וויבאַלד אַז בהשגחה פרטית האָט די מדינה באַקומען אַ כוח ההשפעה אויף מדינות שמחוץ לה, ביז אפילו אין דער מדינה הידועה, וואָס מוז זיך מיט איר רעכענען מצד כמה וכמה ענינים, און רעכנט זיך בפועל.

מ׳דאַרף נאָר האָבן, אַז יעדער איד זאָל דורכפירן זיין שליחות אויף אין דעם מקצוע, אויך אין דעם "שטח", און אָט דעמולט איז ער ממלא שליחותו, און פועל׳ט, אַז מ׳זאָל ממלא-זיין זייער שליחות, די אַלע מיט וועלכע ער קומט אין באַרירונג און אין פאַרבינדונג,

און פועל׳ט אויף דערנאָך, אַז די מדינה זאָל ממלא-זיין איר שליחות, אַז דאָס וואָס איז אָפּגעדרוקט געוואָרן אויף די געלט אַז אין דעם אויבערשטן גלויבט מען און מ׳טראָסט און מ׳האָט אין אים די פולסטע אמונה, זאָל דאָס ניט נאָר זיין געדרוקט אין אַ מקום און אַן ענין מיוחד, נאָר דאָס זאָל דורכנעמען דעם טאָג-טעגלעכן לעבן פון יעדערן וואָס געפינט זיך אין דער מדינה, דורך דערויף וואָס מ׳וועט מחנך-זיין זיך, און מחנך-זיין די קינדער, אויך אין אַן אופן און מיט אַ תוכן וואָס איז מיוסד, אַז ער גלויבט אין דעם אויבערשטן און לייגט אין אים אַריין זיין גאַנצע אמונה מיט זיין גאַנצע צוטרוי, [וואָס דאָס איז דאָך דער אמת׳ער אָפּטייטש פון דעם וואָרט, כמדובר אַמאָל שוין בארוכה].

און מ׳פירט דאָס דורך בשמחה ובטוב לבב, וואָרום ווי דער דין איז, אַז בשעת אַ שליח איז ממלא שליחותו כדרוש, אָן אַ שינוי, איז אָט דעמולט האָט ער דעם גאַנצן תוקף פון אַ שליח, ביז וואַנענט שלוחו של אדם כמותו, וואָס "עוז וחדוה במקומו", אַז מ׳טוט דאָס מתוך שמחה וטוב לבב, און אין אַן אופן מוסיף והולך, "מעלין בקודש",

ביז וואַנענט מ׳הויבט-אויף די גאַנצע וועלט, אַז זי זאָל ווערן אַ כלי ראוי און אַ מקום מתאים אויף דירה לו יתברך,

במהרה בימינו ממש.

ניגנו ניגון שמחה.

• • •

**שיחה ד.**

כח. ס׳איז דאָך רגיל אין דער התוועדות אויף מאַכן אַ סיום,

און וויבאַלד אַז מ׳שטייט אין ימים הסמוכים ליום הכיפורים, איז דאָך לכל לראש, אע״פ וואָס מ׳האָט שוין געמאַכט כמה סיומים אויף דער מסכתא, האָט דאָך אָבער אויך לכל לראש אַ שייכות צו דער מסכתא וואָס ווערט אָנגערופן בשם "יומא", און ווי כמה מפרשים טייטשן דאָס אָפּ, אַז דאָס מיינט מען "יומא", דערפאַר וואָס גלייך התחלתה רעדט זיך וועגן דעם ענין פון יום המיוחד בשנה, יום הכיפורים, און אַזוי איז אויך דער סיום המסכתא מיט פרק "יום הכיפורים".

מ'האָט דאָך געחזר'ט אין דעם מאמר - פון דעם אַלטן רבי'ן און דעם צמח צדק און פון רבותינו נשיאינו - בראש השנה - אין דער התחלה פון עשרת ימי תשובה - און דערנאָך בשבת שובה, פאַרבונדן מיטן פסוק אַז "והי' ביום ההוא יתקע בשופר גדול", וואָס ער איז דאָך מסיים "בהר הקודש בירושלים".

ובפרט נאָך אַז מ'האָט דאָך געמאַכט כמה סיומים אויף מסכתא יומא אין בבלי, איז על כל פנים א צדק ויושר און טוב ונכון אויף מאַכן אַ סיום אויף מסכתא יומא אין ירושלמי.

וואָס אע"פ אַז די משנה איז די זעלבע סיי אין בבלי סיי אין ירושלמי, אַחוץ שינויים במקומות מספר אין די משניות, משא"כ אין גמרא איז דאָך דאָ שינויים עיקריים ושינויים גדולים, סיי כמות סיי איכות.

כט. וואָס דער סיום פון מסכתא יומא אין ירושלמי איז, אַז די גמרא ברענגט אַראָפּ אין ירושלמי די פלוגתא צי מ'דאַרף מפרט זיין את החטא. דער ענין פון יומא און די תשובה ביום התשובה, ביום הכיפורים, איז דאָך דאָס אַ טאָג וואָס ס'דאַרף זיין מחילה וסליחה וכפרה, וואָס דאָס איז דאָך פאַרבונדן מיט דעם ווידוי - איז ווי איז דער דין אין דעם ווידוי, צי מ'דאַרף מפרט זיין און מפרש זיין - אויסרעכענען - די חטאים, צי מערניט ווי דערמאָנען בכלל.

וואָס אין דערויף איז דאָ אַ פלוגתא פון תנאים, און ווי ער איז מסיים דערמיט אויך מסכתא יומא אין ירושלמי, אַז אַ תנא זאָגט, אַז מ'דאַרף מפרט זיין את החטא, און אמר רבי עקיבא, אַז מ'דאַרף ניט מפרט זיין את החטא.

און דערנאָך, נאָך דערויף ווי ער ברענגט אַראָפּ אָט די פלוגתא, איז ער מסיים דאָס וואָס רבי עקיבא זאָגט אין דער משנה, ["אמר ר"ע אשריכם ישראל לפני מי אתם מיטהרין ומי מטהר אתכם, אביכם שבשמים, שנאמר וזרקתי עליכם מים טהורים וגו', ואומר מקוה ישראל ה', מה מקוה מטהר את הטמאים אף הקב"ה מטהר את ישראל"], אַז "אשריכם ישראל" אַז "מי מטהר" אַז "מקוה ישראל השם", אַז דער אויבערשטער איז מטהר את ישראל, "ואומר וזרקתי עליכם מים טהורים וטהרתם מכל חטאתיכם ומכל גילוליכם אטהר אתכם".

דערמיט פאַרענדיקט זיך די מסכתא יומא אין ירושלמי.

ל. וואָס אין דערויף איז דאָ כמה שינויים לגבי בבלי, כאמור, און אויך ענינים פאַרבונדן מיט דעם פסק-דין בזה:

אין דער פלוגתא צי מ'דאַרף מפרט זיין את החטא אָדער מ'דאַרף ניט מפרט זיין את החטא, וואָס רבי עקיבא זאָגט אַז מ'דאַרף ניט מפרט זיין את החטא - איז דאָך דער כלל בכל הש"ס כולו, אַז "הלכה כרבי עקיבא מחבירו". [וואָס אע"פ וואָס ס'איז דאָ צוויי גירסות ווער דער תנא איז געווען, צי ר' יהודה בן בתירא אָדער כיוצא בזה - אָבער לויט

שתי הגירסות איז דאָס געווען "מחבירו" לשון יחיד]. האָט דאָך געדאַרפט אויסקומען דער דין כרבי עקיבא, אַז אין מפרטין את החטא.

פרעגט מען די שאלה: דער רמב"ם פסק'נט, אַז מ'דאַרף מפרט זיין את החטא! און אַזוי ברענגט אויך אַראָפּ דער אַלטער רבי בשולחן ערוך שלו, בנוגע צו דעם ווידוי בערב יום הכיפורים וביום הכיפורים. מיט כמה שקלא-וטריא בדבר.

נאָך אַ שינוי איז דאָ, וואָס בשעת ס'ווערט געבראַכט רבי עקיבא'ס רייד אין דער משנה בנוגע צו "אשריכם ישראל לפני מי אתם מיטהרים ומי מטהר אתכם" [וואָס דאָס איז דער סיום פון דער משנה אין מסכתא יומא, סיי אין בבלי סיי אין ירושלמי], זאָגט דאָרט רבי עקיבא מיטן סדר "אשר ישראל לפני מי אתם מיטהרים ומי מטהר אתכם", און זאָגט פריער אַז דאָס איז דער אויבערשטער, דערפאַר וואָס ס'שטייט "וזרקתי עליכם מים טהורים וטהרתם וגו', ואומר מקוה ישראל הוי'": דער סדר, פריער שטייט דער ענין פון "וזרקתי עליכם", און דערנאָך שטייט דער ענין פון "מקוה ישראל".

אין דעם סיום וואָס די גמרא ברענגט אין ירושלמי, איז די גמרא מהפך דעם סדר: פריער זאָגט ער, אַז דער אויבערטשער איז "מקוה ישראל ה'", אַז אַזוי ווי אַ מקוה איז מטהר אַזוי איז דער אויבערטשער מטהר אידן, און דערנאָך ערשט ברענגט ער אַראָפּ דעם פסוק "ואומר וזרקתי עליכם מים טהורים" עד סוף הפסוק.

מיט נאָך אַ שינוי: ווי ס'שטייט אין משנה - שטייט מערניט ווי התחלת הפסוק: "וזרקתי עליכם מים טהורים" - ווי אין ירושלמי, אָדער אויך "וזרקתי עליכם מים טהורים וטהרתם" - אָן דעם סיום הכתוב; דער סיום הכתוב "מכל חטאותיכם ומכל גילוליכם אטהר אתכם" שטייט מערניט ווי אין גמרא, אין דעם סיום פון מסכתא יומא, אין ירושלמי.

מיט נאָך כמה דיוקים בדבר.

און ווי ס'איז שוין דאָ אין דערויף די שקלא-וטריא אין אחרונים, און זיי בלייבן ב"צריך עיון". אָנהויבנדיק דערפון וואָס דער רמב"ם פסק'נט דעם דין אַז מ'דאַרף מפרט זיין את החטא - היפך פון דעת רבי עקיבא.

לא. וואָס איינער פון די תירוצים בדבר איז, אַז וויבאַלד אַז מ'געפינט, אַז אמר רבי יהודה בשם פון רב, און איז זיך מפלפל אין דעם ענין ווי אַזוי צו מפרט זיין את החטא, צי בעוון מפורסם, צי בעוון בלתי-מפורסם, ברבים אָדער ביחיד; וויבאַלד אַז מ'איז זיך מפלפל אין איינעם פון די בעלי-פלוגתא איז דאָס איז - לויט כללי הש"ס - ראי', אַז דער אמורא האַלט, אַז אַזוי בלייבט דער דין.

וואָס אין דערויף פרעגט מען אויף די שאלה: דער כלל איז ניט אַ כלל אומעטום, בלי יוצא מן הכלל; מ'געפינט בכמה מקומות אַז מ'איז זיך מפלפל אפילו בדברי בית-שמאי וכיוצא בזה,

אויך אין דערויף גופא, איז דאָס ניט אויסגעהאַלטן לויט דברי רב, וואָס דאָרט איז דאָ די חילוקים פון חטא מפורסם און חטא ברבים וכיו״ב, משא״כ אין רמב״ם וואָס מ׳געפינט ניט אָט די חילוקים

מיט נאָך כמה דיוקים וואָס וועלן בדרך ממילא נתיישב ווערן על פי הישוב וואָס מ׳קען זאָגן על כל פנים בקיצור.

לב. און דאָס איז, אַז די פלוגתא וואָס מ׳געפינט פון די אמוראים, וואָס ר׳ יהודא האָט געזאָגט בשם רב - געפינט מען דאָס אין בבלי, ובאריכות. נאָכמערער: ר׳ יהודא איז געוועזן כל ימיו אין בבל, ווי ס׳איז משמע אין כמה מקומות, און ווי ס׳שטייט גאָר אין סוף פון מסכתא כתובות, אַז ער האָט גאָר ניט געוואָלט גיין אין ארץ ישראל, ער האָט געהאַלטן ״בבלה יובאו ושם יהיו״; רב איז דאָך געוועזן סיי אין בבל סיי אין ארץ, דערפון אָבער וואָס ״אמר ר׳ יהודא בשם רב״ - איז דאָס גופא אַ הוכחה, אַז ער האָט דאָס געזאָגט אין בבל, וואָס דאָרט איז גוועזן ר׳ יהודא.

במילא, בשעת ס׳קומט ווי דאַרף זיין דער פסק-דין אין ירושלמי - דאַרף זיין דער פסק-דין ווי דער כלל ״הלכה כרבי עקיבא מחבירו״, איז דאַרף מען ניט מפרט זיין את החטא.

בשעת דאָס איז דאָ אין בבלי, וואָס דאָרט איז אויך געוועזן, אין בבל האָט מען אויך זיך מפלפל געווען, און מפלפל געווען זיך אין דברי בר-פלוגתי׳ פון רבי עקיבא - איז דערפאַר האָט אָט דאָרט אַן אָרט אַז ס׳זאָל חל זיין דער כלל, אַז הלכה כחבירו פון רבי עקיבא. וואָרום דאָס איז דערנאָך געוואָרן אַ פלוגתא צווישן אמוראים, ווי די גמרא ברענגט אין בבלי, און פון די אמורים געפינט מען, אַז ״רב יהודא אמר רב״ - וואָס הלכה כרב, און ״רב תנא הוא ופליג״ - איז בלייבט דער דין ווי רב, וואָס ער האַלט אַז מ׳דאַרף יאָ מפרט זיין את החטא.

אין דערויף גופא דאַרף מען דאָך אָבער האָבן אַ הסברה:

מ׳געפינט כמה מאמרים פון רב, אפילו פון ר׳ יהודא, אויך אין תלמוד ירושלמי. בשעת מ׳וועט זאָגן, אַז דאָס איז א מחלוקת צווישן בבלי און ירושלמי, וואָס דעמולט איז דאָך דער כלל אַז הלכה כבבלי נגד הירושלמי - איז פאַרשטאַנדיק, פאַרוואָס סיי דער רמב״ם, און דערנאָך אין שולחן ערוך, ביז אין שולחן פון דעם אַלטן רבי׳ן, פסקנ׳ט מען ווי דער בבלי, אַז מדאַרף מפרט זיין את החטא.

ס׳ווערט דאָך אָבער די שאלה: אין וואָס באַשטייט די פלוגתא; פאַרוואָס טאַקע פסק׳נט דער בבלי, אַז מ׳דאַרף יאָ מפרט זיין את החטא, און אין ירושלמי ברענגט מען ניט אַראָפּ די גאַנצע אריכות האמורה פון אמורים - אע״פ וואָס כמה מאמרים פון די אמוראים ווערן געבראַכט אויך פון תלמוד ירושלמי.

וואָס אמת טאַקע, ער איז נחתם געוואָרן – אָפּגעשלאָסן געוואָרן – אַ סך יאָרן פאַר בבלי, אַרום הונדערט יאָר, אָבער אעפ״כ האָט דאָך אים אָפּגעשלאָסן ר׳ יוחנן, וואָס דאָס איז דאָך דער סיום פון תלמוד ירושלמי כמבואר אין די ספרי כללי הש״ס – וואָס ר׳ יוחנן איז דאָך געווען חבירו דרב, און אַזוי אויך אין דער זעלבער צייט איז דעמולט געווען ר׳ יהודא. וכמדובר, אַז כמה מאמרים פון זיי ווערן געבראַכט אין תלמוד ירושלמי.

לג. וואָס אַ הסברה בזה איז, כידוע בכמה מקומות, אַז מ׳איז זיך משתדל געפינען צי דאָס איז אַ ״שיטתי״ וואָס איז מחולק בבלי און ירושלמי בכמה מקומות, וואָס דערפאַר איז בנוגע לענין זה דאַרף מען – אין ירושלמי לפי שיטתו בכמה מקומות – דאַרף מען ניט מפרט זיין את החטא; דער בבלי לשיטתו בכמה מקומות דאַרף מען יאָ מפרט זיין את החטא.

וואָס וואָס איז דער ענין פון לפרט את החטא. מ׳מוז דאָך זאָגן, אַז אין דערויף איז דאָ אַ סברא לכאן ולכאן: וויבאַלד אַז ״אלו ואלו דברי אלקים חיים״, סיי די וואָס זאָגן אַ מ׳זאָל מפרט זיין סיי די וואָס זאָגן אַז מ׳זאָל ניט מפרט זיין – האָט דאָך יעדערע פון זיי אַ סברא אין תורה וואָס זי איז מכריח ומכריע לדעתו, אַז מ׳דאַרף יאָ מפרט זיין אָדער מ׳דאַרף ניט מפרט זיין.

די מעלה און דער חסרון וואָס איז דאָ אין מפרט את החטא, זיינען פאַרשטאַנדיק בפשטות, ווי מבואר אין מפרשי הש״ס:

בשעת ער איז מפרט את החטא, אָט דעמולט איז אים לייכטער תשובה-טאָן און די תשובה זאָל זיין כדרוש – ניט בשעת ער זאָגט בכללות ״חטאתי עויתי ופשעתי״, און דערפאַר האָט ער אויף דערויף חרטה, און דערמיט איז זיך עס מסתיים. בשעת ער רעכנט-אויס די חטאים און איז זיי מפרט בפרטיות – אָט דעמולט, דערמאָנענדיק דעם חטא בפרטיות, האָט ער אַ תשובה בפרטיות, בדוגמא ווי דער לשון הגמרא ״באותה אשה ובאותו מקום״.

וואָס איז דער צד השלילי שבדבר – זאָגט אויך די גמרא, אַז דאָס איז ניט קיין כבודו של מקום: ״נשוי פשע כסוי חטאה״, אַז בשעת ער דערמאָנט אַז ער האָט געטאָן אַן עבירה, איז אמת טאַקע ער איז מסיים אַז ער האָט חרטה גמורה, דערווייל אָבער דערמאָנט ער ״את חטאי אני מזכיר היום״.

און דערמאָנט דאָס ניט וואָס ער איז מוכרח צו דערמאָנען, וואָרום אַז ניט האָט דאָך די תשובה קיין התחלה ניט; ער האָט ניט אויף וואָס תשובה צו טאָן דאַרף ער זאָגן, אַז ס׳איז געווען אַ מציאות פון חטא, מיט אַלע פירושים וואָס ס׳איז דאָ אין ״חטא״ – נאָר ער איז נאָך מוסיף בזה אַן ענין וואָס איז ניט קיין מוכרח: ער האָט געקענט זאָגן בכללות ״חטאתי עויתי ופשעתי״, און גלייך אַריבערגיין אַז ער טוט תשובה און האָט חרטה גמורה על העבר און קבלה טובה על להבא.

בשעת ער איז ניט קיין "כסוי חטאה", און רעכנט-אויס, אַז דאָ האָט ער געטאָן חטאים, דאָ האָט ער געטאָן חטאים, דאָרט האָט ער געטאָן חטאים – איז דאָס היפּך פון כבוד המקום.

וואָס דאָס איז בשעת מעשה. וואָס קומט דערפון אַרויס נאָך אַן ענין?

דער ענין התשובה דאַרף דאָך זיין "אל יבוש מפני המלעיגים", איז בשעת ער איז ניט מפרט את החטא, און איינער ווייס און זעט, אַז ער קלאַפּט זיך על החזה נגד הלב אויף "חטאתי עותי ופשעתי", ער ווייס אָבער ניט קיין פּרטים. ער ווייס אָבער אויך די אזהרה, אַז מ'טאָר ניט דערמאָנען אַ בעל-תשובה וועגן "מעשיו הראשונים". איז דאָך דאָס אים לייכט איינצוהאַלטן, וואָרום אויך בשעת מעשה ער האָט זיך דערוואוסט, אַז יענער איז אַ בעל-תשובה – ווייס ער מערניט ווי אַן ענין בכללות, אַז ער איז אַ בעל-תשובה וואָרום ער האָט אַמאָל געטאָן אַ חטא.

בשעת ער וועט אָבער מפרט זיין את החטא, בפרט נאָך אויב ס'האָט מערערע ווי איינער, ער האָט נאָך אַ סך – איז אָט דעמולט איז דאָך שווער דעם שומע זיך איינצוהאַלטן אויף ניט מזכיר זיין מעשיו הראשונים.

און וואָס נאָכמערער: בנוגע צו זיך אַליין איז מהיכי תיתי;

דער שומע קען דאָך דאָס געדענקען אין אַ משך זמן לאחרי זה, ובפרט נאָך אויב ער האַלט נאָך ניט ביי דער דרגא פון "ולבי חלל בקרבי", וואָס דאָס איז דאָך ווי ער זאָגט אין תניא – פאַרשטאַנדיק אויך פון ש"ס בבלי וירושלמי – אַז דאָס איז מערניט ווי ביי יחידי סגולה, "ומצאת את לבבו נאמן לפניך" און דוד האָט געזאָגט "ולבי חלל בקרבי" – וועט אים מסית זיין דער יצר-הרע: הער זיך איין, האָסט געהערט, אַז יענער האָט געטאָן אָט די און די ענינים פּרטיים, און האָט דאָס געטאָן "באותו מקום ובאותו אופן", מיט די אַלע פּרטים ווי ער האָט מפרט געווען את החטא – איז עלול, אַז ס'זאָל אָנקומען צו זיין בושה – צו זיין בזיון – לאחר זמן רב אויך.

וואָס אָט דעמולט קומט-אויס, אַז דורך דעם ענין, אפילו אַז צוליב דער תשובה באותה שעה וועט דאָס אים ברענגען אַ תועלת; דערנאָך אָבער קען זיין אַ היזק – אַ "פּעולה נמשכת" דערפון וואָס ער האָט מפרט געווען את החטא – אויף אַ משך זמן ארוך.

לד. וואָס אין דערויף איז דאָ דער חילוק השיטה צווישן בבלי אין ירושלמי.

ווי גערעדט אַמאָל באריכה און שוין אויך געדרוקט, אַז בנוגע צו סוף מסכתא תעניות, וואָס אָט דאָרטן איז מען דאָך מסיים אַז "לא היו ימים טובים לישראל כחמשה עשר באב וכיום הכיפורים", און איז ממשיך, אַז וואָס איז דעמולט געווען אַז "יוצאות וחולות בכרמים", האָט מען דאָך געדאַרפט גיין שיין אָנגעטאָן, "בכלי לבן", איז דעמולט איז געווען אַז "שואלת": אַזוי ווי מ'איז ניט געווען זיכער, אַז יעדער מיידל האָט געהאַט די

לבושים המתאימים, האָט מען מתקן געווען, אַז יעדערע דאַרף ניט טראָגן אַן אייגענע קלייד, נאָר זי דאַרף דאָס לייען ביי אַ צווייטע אידישע טאָכטער.

וואָס אָט דאָ איז דאָ די מעגלעכקייט אויף לייען אָדער פון אַזאַ וואָס שטייט העכער פון זיך, אָדער פון אַזאַ וואָס שטייט נידעריקער פון זיך.

ובדוגמא ווי די גמרא ברענגט דאָרט די דוגמא: אַ "בת כהן גדול" פון וועמען לייעט זי? זי האָט צוויי מעגלעכקייט: אַ מלך איז דאָך לפני כהן גדול אויך, און זי האָט נידעריקער פון זיך - סגן כהן גדול. אַ בת מלך האָט קיין ברירה ניט: מלך איז דאָך דער העכסטער פון דעם גאַנצן אידישן פאָלק, מוז זי לייען ביי אַ בת כהן גדול, ביי אימיצן וואָס איז נידעריקער פון זיך. וואָס אַ כהן גדול איז דאָך אויך מחוייב בכבודו של מלך. האָט זי קיין ברירה ניט.

משא"כ אָבער גלייך די דרגא שלמטה מזה, "בת כהן גדול" - איז דאָ אַ פלוגתא צווישן בבלי וירושלמי. וואָס איין דעה איז, אַז בת כהן גדול דאַרף לייען משלמעלה הימנה, פון אַ בת מלך; די צווייטע דעה איז, אַז זי דאַרף לייען משלמטה הימנה, וואָס דאָס איז אַ בת סגן כהן גדול.

וואָס איז דער חילוק צי מ'לייעט פון די שלמעלה אָדער פון די שלמטה?

בשעת מ'לייעט פון איינעם שלמעלה - באַקומט מען אַ שענערע קלייד.

וואָס אָבער האָט זי בשעת מעשה דעם געפיל? - אַז זי האָט געדאַרפט אָנקומען צו אַ צווייטן וואָס יענע קען פון איר גאָרנישט באַקומען; זי איז מערניט ווי אַ מקבלת. וואָרום זי זאָל עפּעס געבן צו דעם כהן גדול - איז אַ כהן גדול איז ענינו איז, אַז ער דאַרף זיין "גדלהו מתוך אחיו", כולל אויך פון דעם סגן כהן גדול.

בשעת זי איז אָבער שואלת - בשעת זי לייעט - פון אַ בת וואָס זי איז למטה הימנה - איז אין דערויף איז דאָ ביידע ענינים: זי האָט אַ תועלת, זי איז אַ מקבל, זי טוט-אָן דערנאָך די שמלה - די קלייד - וואָס זי האָט באַקומען מלמטה, פון דעם בת סגן כהן גדול; זי האָט איר אָבער אויך געגעבן דעם כבוד, אַז זי האָט געהאַט דעם כבוד, אַז איר קלייד ווערט דערנאָך געטראָגן און גענוצט, און מ'האָט צו איר געדאַרפט אָנקומען בת כהן גדול.

בדוגמא ווי מ'געפינט דעם דין ביי קידושין:

אַזוי דאַרף דער זיין, אַז דער בעל - דער מקדש - דאַרף געבן די פרוטה לאשה המתקדשת; בשעת ס'איז אָבער דאָ אין אַזאַ אופן, אַז דאָס איז אַ כבוד פאַר דער אשה אַז מ'נעמט ביי איר די געלט - איז אָט דעמולט ווערט די סברא, אַז דעמולט קען גאָר זיין דער סדר בהיפך, דערפאַר וואָס דאָס איז אַזאַ סאָרט כבוד וואָס איז ווערט אַ שוה פרוטה און נאָכמערער.

וואָס על דרך זה איז בנוגע ווען אַ בת כהן גדול לייעט ביי אַ בת סגן כהן גדול. משא"כ ווען זי לייעט ביי אַ בת מלך.

לה. וואָס על דרך זה איז אויך די פלוגתא בנוגע צו לפרט החטא:

וויבאַלד אַז בהוה, וועט דאָס אים העלפן אין ענין התשובה, אע"פ וואָס דערפאַר לעתיד קען ער האָבן דורך דערויף אַן ענין בלתי רצוי, אַז אַ צווייטער וועט אים דערמאָנען אַז ער האָט מפרט געווען חטאיו און במילא דאַרף ער געדענקען "מעשיו הראשונים", און ער קען אים זאָגן וואָס פאַר אַ מעשה דאָס איז! [בשעת ער זאָגט מערניט ווי "חטאתי" - קען ער אים ניט זאָגן וואָס און ווען].

פסק'נט אָפּ דער בבלי - לויט די שיטה אויך אין סוף תענית און אין נאָך כמה מקומות - אַז מ'דאַרף מפרט זיין את החטא, וויבאַלד אַז בשעת מעשה איז דאָס אַ תועלת. משא"כ דער ירושלמי איז אזיל לשיטתו.

הא גופא איז דאָך אויך דורש ביאור דער עצם לשיטתו. וואָס אָט דאָ קען מען מוסיף זיין נאָך אַ נקודה בדבר:

פאַרוואָס טאַקע, בשעת ס'רעדט זיך וועגן אַ מעשה בהוה - זאָל מען זיך רעכענען דערמיט וואָס ס'וועט טרעפן לאחרי זמן.

איז דאָס גופא באַווייזט, אַז דאָס וואָ ס'וועט טרעפן לאחרי זמן - האָט שוין אַ התחלה אין דעם הוה, אַז דאָס איז אויך "הוה" בשעת מעשה; ניט אַ הוה בגלוי ווי דער "הוה" ממש, נאָר "הוה" עכ"פ בכח.

ובדוגמא ווי גערעדט אַמאָל בארוכה די פלוגתא פון ב"ש און ב"ה בנוגע צו נרות חנוכה - צי "כנגד ימים היוצאין" צי "כנגד ימים הנכנסין".

וויבאַלד אַז מ'זאָגט, אַז איז אויך בהוה, נאָר דאָס איז ניט דער "הוה" בכל התוקף - האָט דעמולט אַן אָרט צו פסק'ענען בהוה, אַז ער זאָל ניט מפרט זיין את החטא;

אויב דער הוה איז איצטער אינגאַנצן ניטאָ - איז וואָס האָט דאָס פאַר אַ שייכות מיט דער הלכה בשעת מעשה.

לו. וואָס על דרך זה איז אויך בנוגע צו תשובה.

וואָס תשובה האָט דאָך אין זיך כמה דרגות, מן הקל אל הכבד. ווי די גמרא איז מחלק אין יומא, אַז ס'איז דאָ "תשובה מיראה", און דערנאָך איז דאָ "תשובה מאהבה", און דערנאָך ווי דער ראָגאַטשאָווער איז מחלק, אַז אין "תשובה מאהבה" גופא איז דאָ צוויי אופנים.

בפרט נאָך ווי מבואר אין לקוטי תורה, אַז ס'איז דאָ דריי אופני תשובה, [וואָס דערפאַר צינדט מען דאָך אויך אָן לויט מנהג חב"ד בשבת שובה דריי תשובה-ליכט], און ווי

ער איז מפרט נאָכמער בפרטיות, אַז ס׳איז דאָ פיר תשובות: ״סור מרע ועשה טוב בקש שלום״, וואָס דאָס איז די דריי תשובות, און דערנאָך דאָס גופא איז מען מחלק, ווי ער זאָגט, אַז ס׳איז דאָ ״תשובה״ און ״בעל תשובה״, אַז ער טוט תשובה אין אַזאַ אופן, אַז ער ווערט אַ בעל הבית אויף דער תשובה. און אין דערויף גופא איז דאָך דאָ ״תשובה תתאה״ און ״תשובה עילאה״, ובלשון הגמרא ״תשובה מיראה״ און ״תשובה מאהבה״.

צוזאַמען דערמיט זאָגט מען, אַז בשעת ער טוט תשובה, אפילו תשובה בדרגא הכי תחתונה, תשובה מיראה, און אין דערויף גופא די תשובה תחתונה - ברענגט ער אַ קרבן, וואָס אַ קרבן איז דאָך מוכרח, ער דאַרף דאָך זיין ״שב מידיעתו״. און אויב ער דאַרף ניט ברענגען קיין קרבן - טאָר ער ניט ברענגען קיין קרבן; ער טאָר ניט ברענגען ״חולין בעזרה״. דאָס איז ניט אַן ענין של ״נדבה״; דאָס איז אַן ענין של חובה.

זאָגט מען, אַז ער טוט תשובה אין אַ דרגא הכי תחתונה - ברענגט ער אַ קרבן בעזרה, ״והתודה עליו את חטאו אשר חטא״, און דער קרבן ווערט נתקבל וכו׳. ובלשון פון אגרת התשובה, ״אין מזכירין לו דבר וחצי דבר ביום הדין״.

וואָס דאָס איז נאָך ניט דער שטורעם; דער שטורעם בזה איז, אַ דאָ למטה ווייס מען, אַז ער האָט געטאָן תשובה מיראה, ער האָט דאָס אָבער געטאָן אין אַן אופן אַז ״יעיד עליו יודעי תעלומות שלא יחזור לכסלה עוד״ - בלשון הרמב״ם - זאָל זיין מתוך יראה, אָבער אַזוי וועט ער זיך פירן - ברענגט ער אַ קרבן, און זאָגט דעם ווידוי, און ס׳ווערט נתקבל לרצון וכל הענינים הקשורים בזה.

און ביחד עם זה זאָגט מען, אַז אע״פ וואָס ס׳איז דאָ פיר סוגים אין תשובה, על כל פנים דריי, על כל פנים צוויי; בשעת מ׳רעכנט אין מצות עשה מן התורה - איז דאָס אַ מצות עשה אחת. - לדעת כמה אחרונים, על כל פנים די מצוות הווידוי (וואָס זיי רעכנען תשובה אין דעם מנין המצוות), אָבער ווי דער אַלטער רבי פסק׳נט אָפּ אין אגרת התשובה, און לערנט אַזוי אין דעם רמב״ם וכו׳, איז אַ מצות התשובה איז איינע פון די רמ״ח מצוות עשה; ניט צוויי - נאָר איינע.

וואָס לכאורה איז דאָס ניט אַן ענין וואָס ס׳איז אַ חילוק אין כמות; אַ חילוק אין כמות - איז מען דאָס כולל אין דער זעלבער מצוה; דאָס איז אַ חילוק צי ״זדונות נעשו לו כשגגות״, אָדער ״זדונות נעשו לו כזכיות״.

וואָס ״שגגות״ און ״זכיות״ איז דאָס ניט אַ חילוק אין כמות - דאָס איז אַ חילוק אין וואָס פאַר אַ וועלט מ׳געפינט זיך: דאָ געפינט ער זיך אין אַן עולם שכולו אור, אין אַן עולם פון ״זכיות״; אַז ״נעשו לו כשגגות״ - געפינט ער זיך אין אַ וועלט וואָס דאָרט איז חושך! נאָר וואָס דען? - דאָס איז אַ חושך פון שוגג: התגברות נפש הבהמית מיט גאַנצן שטורעם וביאור וואָס שטייט אויף דעם.

לז. איז דער ביאור בזה, אַז וויבאַלד ער האָט שוין אָנגעהויבן טאָן תשובה, איז בדוגמא ווי מ'געפינט בכמה ענינים ובהלכות אַז "נידון על שם סופו": ניט קוקנדיק אויפן כלל, אַז "אין אדם נידון אלא לפי מעשיו באותה שעה", איז אויך דאָ בכמה הלכות אַז "נידון על שם סופו".

אויב דאָס איז אַזוי אין אַן ענין בלתי-רצוי, ווי די גמרא ברענגט דאָס אין סנהדרין – עאכו"כ אַז ס'איז די הלכה אין די ענינים רצויים. ובמכ"ש וק"ו: "מרובה מדה טובה" פון מדה הפכית.

וויבאַלד ער האָט אָנגעהויבן טאָן תשובה, און ער האָט נאָך געטאָן תשובה ביז וואַנענט אַז "אין מזכירין לו דבר וחצי דבר ביום הדין", במילא איז דאָך דעמולט עבודתו מתקבלת און "מצוה גוררת מצוה", ובפרט נאָך אַז אַ בעל-תשובה דאַרף זיך דאָך פירן מיט אַ שטורעם,

ווי דער רמב"ם שרייבט אויך אין די שמונה פרקים בהקדמה צו אבות, די מעלה פון "המושל ברוחו מלוכד עיר", די מעלה פון אַ בעל תשובה לגבי הצדיק אויך אין תכונות הנפש, אַז דוקא מצד דערויף וואָס ער איז שוין דורכגעגאַנגען דעם ענין, און מ'האָט אים אויסגעפּרואווט און ער איז רח"ל דורכגעפאַלן, און דערנאָך האָט ער געטאָן תשובה – איז מען בטוח, אַז ער וועט ביישטיין אויך די נסיונות להבא. על דרך זה אויך בטוח, אַז ער וועט עולה זיין אין די דרגות אין וועלכע ער האָט אָנגעהויבן גיין אין זיי.

וואָס דעמולט איז "נידון על שם סופו": תשובה עילאה איז כלול אין תשובה תתאה, ביז וואַנענט, אַז "בעל תשובה עילאה" איז אויך כלול אין דער תשובה תתאה, בלשון הלקוטי תורה.

[על דרך ווי ס'שטייט ביי יראה בכלל, אַז אע"פ וואָס ס'איז דאָ אַ ריבוי דרגות אין יראה, פון יראה תתאה אין למטה הימנה, ביז יראה הימנה שאין למעלה הימנה – זיינען אַלע יראות כלול זה בזה].

על דרך זה אויך בנגלה, אַז וויבאַלד ער האָט געטאָן תשובה באיזה אופן שיהי', דאָס איז אָבער "יעיד עליו יודע תעלומות שלא ישוב עוד לכסלה", אפילו אַז מ'ווייס אַז דאָס איז מפני יראת העונש, יראת החטא וכיוצא בזה – האָט ער שוין אין דערויף אויך כלול "נידון על שם סופו" – תשובה בתכלית השלימות.

לח. וואָס איז דער חילוק בנוגע לפועל, בשעת ער טוט תשובה מפני היראה אָדער ער טוט תשובה מאהבה בכלל, אָדער תשובה בשלימות?

איז בשעת ער טוט מפני היראה – איז דאָ אַ חילוק אויף וואָס פאַר אַ חטא ס'רעדט זיך:

אויב דאָס איז אַ חטא וואָס עונשו מרובה – טוט ער אַ תשובה גדולה; אויב ס'איז אַ חטא וואָס עונשו ע"ד הבינוני – טוט ער אויך תשובה ע"ד הבינוני, זיין יראה איז ע"ד

הבינוני; ס'איז ניט אַזאַ גוואַלדיקער עונש און ער האָט ניט וואָס צו קלאָגן אויף דעם. ווער רעדט נאָך אויב ס'איז אַ "מצוה קלה" וכיו"ב – אָט דעמולט איז די תשובה זיינע אויך אַ תשובה קלה.

בשעת ער זאָגט אַ תשובה בכלל "חטאתי עויתי ופשעתי", און איז ניט מפרט – איז אָט דעמולט מישט זיך אַריין דער צד שכנגד, אָדער דער בית דין שלמטה אָדער שלמעלה, און הויבט-אָן טענה'ן: ער האָט טאַקע תשובה געטאָן – אָבער האָט תשובה געטאָן; ס'איז דאָ תשובה מפני היראה – האָט ער תשובה געטאָן אָט דאָרט וואו ס'איז אַ יראה גדולה, מצוות חמורות; עכ"פ ניט "חמורות שבחמורות" – אָבער ניט "קלות שבקלות".

במילא איז ניטאָ קיין אַנדער עצה אַז ער מוז מפרט זיין את החטא; אַז ניט איז מען ניט זיכער צי זיין תשובה איז געוועזן תשובה כדרוש.

בשעת ס'קומט אָבער צו תשובה מאהבה, איז דאָך אָבער ווי דער עצם אָפּטייטש: פאַרוואָס טוט ער תשובה? – דערפאַר וואָס ער האָט ליב דעם אויבערשטן! אַז ער האָט ליב דעם אויבערשטן, איז וואָס איז אים די נפק"מ "חמורה שחמורה" "קלה שבקלות" – אַז דאָס איז ניט די זאַך וואָס ער דאַרף דערפאַר האָבן גן-עדן אָדער ער דאַרף האָבן דער ניצול ווערן ממקום הפכי; דאָס איז דערפאַר וואָס ער איז אוהב את הקב"ה, און אוהב את הקב"ה איז עושה רצונו. איז וואָס איז די נפק"מ צי "קלה שבקלות" צי "חמורה שבחמורות"?!

במילא איז דעמולט, ניט נאָר ער דאַרף ניט מפרט זיין את החטא – ס'ווערט גאָר אַ חסרון: דאָס איז היפך האהבה! ער האָט ליב דעם אויבערשטן, מיטאַמאָל וועט ער זיך אַוועקשטעלן אויסרעכענען: אָט דעם ענין האָב איך געטאָן שלא כדבעי, אַ צווייטן ענין האָב איך געטאָן דיר אויף צו-להכעיס, אַ דריטן ענין האָב איך געטאָן דיר אויף צו-להכעיס – היפך האבה!

בשעת ס'רעדט זיך אין בבלי, וואָס "הוה" איז הוה, און "עתיד" איז עתיד, אע"פ וואָס דאָס קומט דערנאָך אַרויס פון דעם "הוה" – איז אָט דעמולט רעכנט ער זיך מיטן "הוה".

וואָס איז דער צד השוה וואָס ס'איז דאָ אין אַלע אופני תשובה? – על כל פנים תשובה מיראה: אפילו אַז ער האָט תשובה מאהבה איז "יש בכלל מאתיים מנה", אָבער ס'איז דאָך אַ זיכערע זאַך אַז ער האָט די חרטה און די תשובה, "שב מידיעתו", ווי ס'איז דאָ ביי שב מיראה.

בשעת דער בבלי זאָגט, אַז דאָס איז צוויי באַזונדערע זמנים, במילא ווערט דאָס צוויי באַזונדערע הלכות, צוויי באַזונדערע הנהגות, כמדובר לעיל ביי אַ בת כהן גדול צי פון בת מלך אָדער בת סגן, וכיוצא בזה בענינינו – איז אָט דעמולט איז דאָס צוויי

באַזונדערע זאַכן, און ער דאַרף מפרט זיין את החטא, וואָס לכל לראש אין תשובה איז גייט מען מן הקל אל הכבד, אפילו אין תשובה – מ'הויבט-אָן מיט תשובה מיראה. דעריבער דאַרף ער מפרט זיין את החטא.

דערנאָך, אַז ס'וועט קומען אַ העכערע דרגא – איז דעמולט, בעתיד וועט מען דעמולט טראַכטן. און דעמולט דאַרף ער שוין ניט האָבן קיין ווידוי אויף זדונות – דערפאַר וואָס ס'איז שוין געוואָרן "שגגות", ע"י התשובה שלפני זה.

דער ירושלמי האַלט, אַז דער "עתיד" איז שוין דאָ התחלתו בהוה; דאָ אין אַזאַ אופן, אַז דאָס ווירקט אויף זיין הנהגה בהוה. במילא, אַז ער טוט תשובה מיראה, און מ'ווייס אַז "מצוה גוררת מצוה", און מ'ווייס אַז "אדם נידון על שם סופו" – האָט ער שוין אין דערויף די "תשובה מאהבה", און מ'איז אים מעמיד ב"חזקת כשרות" שלו.

במכ"ש וק"ו: מה-דאָך – ווי דער רמב"ם זאָגט אין די שמונה פרקים – אַזאַ וואָס איז ניט דורכגעפאַלן, שטעלט מען אים "בחזקת כשרות"; אַזאַ וואָס איז דורכגעפאַלן, און ביי אים איז געווען זדונות, און ער האָט געטאָן תשובה און ער האָט עס מהפך געווען לשגגות – דאַרף מען דאָך אים זיכער שטעלן "בחזקת כשרות", אַז ער וועט גיין העכער אין תשובה און וועט האָבן תשובה מאהבה.

וויבאַלד אַז דעמולט איז שוין כלול תשובה מאהבה – דאַרף ער ניט מפרט זיין את החטא.

לט. וואָס אָט דאָס איז אויך דער ביאור און דער קשר צווישן די ביידע ענינים, וואָס אין ירושלמי קומט דאָס בחדא מחתא ובהמשך אחד, אָז פריער "אמר רבי עקיבא" אַז מ'דאַרף ניט מפרט זיין את החטא, פאַרוואָס? – דערפאַר וואָס ער האָט שוין אין דעם מעמד ומצב האָט ער שוין אַזאַ ענין אין תשובה, אַז ער דאַרף ניט אָנקומען צו אויסרעכענען בפרטיות כדי מ'זאָל זיין זיכער אַז ער האָט אויף דערויף תשובה געטאָן.

וואָס דערפאַר בשעת ער ברענגט דעם פסוק "וזרקתי עליכם מים טהורים" – ברענגט ער ניט נאָר דעם "וזרקתי" און זאָגט "וגו'", נאָר ער ברענגט און רעכנט-אויס די אַלע פרטים, באַווייזן, אַז אע"פ וואָס אין משנה שטייט מערניט ווי די התחלת הכתוב, איז ער דערנאָך מסיים די מסכתא, אַז אין דעם התחלת הכתוב – זיינען דאָ די אַלע דרגות: "וזרקתי עליכם מים טהורים", ווי דאָס קומט – ווי מפרשים טייטשן אָפּ – מצד דעם אויבערשטן, "וטהרתם" – ווי דאָס קומט ע"י פעולת האדם, און דערנאָך אויך "מכל חטאותיכם ומכל גילוליכם אטהר אתכם", וואָס דאָס טוט אויך דער אויבערשטער – די תשובה וואָס מ'גיט אים מלמעלה, לאחרי דערויף ווי ער האָט געטאָן די תשובה למטה, וואָס ער האָט איר געטאָן על ידי זה וואָס "וזרקתי" – ס'איז געווען דער "שובו אלי ואשובה אליכם", אָדער "השיבני ה' אליך", מיט די אַלע סדרים בדבר.

און דערפאַר איז ער אויך מהפך דעם סדר: די ברייתא בגמרא (אָדער די גמרא סתם איז דאָס ניט קיין ברייתא) קומט דאָך לאחרי המשנה; ווי אַזוי איז דער סדר אין תשובה? - איז צום אַלעם ערשטן דאַרף מען האָבן - ווי ער זאָגט - "לפני מי אתם מטהרים ומי מטהר אתכם", דאַרף מען דאָך האָבן ער זאָל ווערן גיין אין מקוה! ער זאָל ווערן תשובה-טאָן.

ווערט דאָך די שאלה,ווי ער זאָגט אין תניא: ער געפינט זיך אין ממשלה פון "יענע", איז דאָך דאָס אַ "מסך ברזל המבדיל" - ווי קומט צו אים אַ תשובה?!

זאָגט די גמרא און מדרש, און תוס' ברענגט דאָס אַראָפּ מיט אַ גאַנצע אריכות, אַז ס'איז דאָ אַ "בת קול יוצא מלמעלה בכל יום ואומרת "שובו בנים שובבים". דאָס איז אַ בת-קול פאַר "בנים שובבים". און וואָס זאָגט זי זיי: "שובו"! וואָס דאָס איז דער "וזרקתי עליכם מים טהורים" בנגלה. וואָס דאָס פועל'ט דערנאָך אויף אַז ער וויל גיין אין מקוה - אָנהויבן תשובה-טאָן.

אין תשובה-טאָן איז אויך גייט ער "מחיל אל חיל", איז ניט ער הויבט-אָן מיט אַ טהרה פון אַ "מעיין", וואָס דאָס איז אַ גוואַלדיקע טהרה, אַז מטהר במשהו און מטהר בזוחלין, מיטן גאַנצן שטורעם, און ס'איז "מים חיים", און ראוי מטהר זיין מכל הטומאות, אפילו טומאת מת וואָס דאַרף האָבן "מים חיים", טומאת זבה, מיט גאַנצן שטורעם, נאָר פון וואָס הויבט ער אָן? - הויבט ער אָן פון "מקוה", און דערנאָך גייט ער צו "וזרקתי עליכם מים טהורים".

וואָס דערפאַר איז אַז ס'הויבט זיך אָן דער ענין - די משנה איז דאָך געווען קודם הברייתא - איז פריער הויבט זיך אָן דער סדר ווי ס'שטייט אין משנה, אַז ס'הויבט זיך אָן "וזרקתי עליכם", און דאָרטן זאָגט מען ניט די אַלע פרטים, וואָרום דאָס איז תחילת העבודה; איז וואָס פאַר אַ תשובה האָט ער? - האָט ער די ערשטע תשובה וואָס ווערט אויפגעטאָן דורך "וזרקתי עליכם", "שובו בנים שובבים", וואָס וואָס איז דאָס? - די תשובה מיראה. און די אַלע איבעריקע דרגות אין תשובה - שטייט "וגו'"; דאָס איז נכלל אין דעם "וזרקתי עליכם", אָבער דאָס שטייט בהעלם, ניט בגלוי.

און דערנאָך איז דאָ דער ענין וואָס "מקוה ישראל הוי', מה מקוה מטהר" אַזוי איז דער אויבערשטער מטהר את ישראל.

דערנאָך קומט צוגיין די ברייתא אָדער די גמרא - און דערמיט ווערט דער סיום, אַז דער סיום איז, אַז וויבאַלד ס'איז שוין געווען דער לימוד המשנה, ו"לימוד מביא לידי מעשה", אַזוי איז געווען דער בפועל - איז אָט דעמולט איז ווי אַזוי ענינו איז - אַז ער גייט אין "מקוה",

און דערנאָך גייט ער אויך אין אַ העכערע דרגא - אין "מעין", און דעמולט שטייט שוין דער "מעין" ווי אַזוי אין אים זיינען נכלל די אַלע ג' און ד' דרגות בתשובה,

אָנהויבנדיק פון תשובה מיראה, און תשובה מאהבה, מיט אַלע זייערע פרטי התשובות שבדבר.

ח. וואָס על פי זה זיינען מבואר די אַלע דיוקים בדרך הנגלה, עאכו"כ ווי דער ביאור איז על פי חסידות,

ובפרט נאָך ווי המבואר אין דעם מאמר דיבור המתחיל "אמר רבי עקיבא אשריכם ישראל", אַז ער הויבט גלייך אָן מיט דעם ענין פון "אשריכם", וואָס דאָס באַווייזט אויף כח התענוג, אַז דער ענין התשובה איז דאָס ניט "מיראה", אפילו ניט פון אַן אהבה מדודה ומוגבלה, נאָר ווי דאָס שטייט אין "אשריכם" - אין כח התענוג.

און דאָס איז פאַרבונדן מיט "לפני מי אתם מטהרים", אַז דאָס איז נאָך פאַר "מי", וואָרום ענין התשובה בכלל נעמט זיך דאָס פון "מי", פון ספירת הבינה, וואָס דאָס איז עלמא דחירות, וואָס דאָרטן נעמט תשובה, כמבואר בארוכה אין דעם מאמר ובכמה מקומות, ביז וואַנענט אַז "אטהר אתכם", און זאָגט ניט ווער, כמדובר ומבואר אויך בנוגע "לפני הוי' תטהרו", אַז נאָך פאַר הוי', העכער נאָך פון שם הוי'.

וואָס דאָס איז דאָך דער כללות ענין התשובה, אַז מצוות זיינען דאָך תלויות אין די ד' אותיות פון שם הוי', ווי מ'זאָגט דאָך אויך אין קריאת-שמע שעל המטה - אויך געבראַכט בארוכה אין די מאמרים פון "והי' ביום ההוא יתקע בשופר גדול". בשעת ער טוט דערנאָך תשובה, זאָגט דעם ווידוי אין קריאת-שמע שעל המטה, אָט דעמולט שטעלט ער זיך אַוועק "לפני הוי'" - איז ער ממלא די חסרונות און איז משלים די כל הענינים אין אות יו"ד של שם הוי' - די מצוות הקשורות בזה; אות ה"א שבשם הוי' - די מצוות הקושורת בזה; אות וא"ו שבשם הוי' - די מצוות הקשורות בוי"ו, און אות ה"א אחרונה שבשם הוי' - אין די מצוות התלויות בזה,

און אין די אַלע ענינים - ווי דאָס קומט מצד התשובה, וואָס די תשובה מאַכט, אַז די מעשים זאָלן זיין נאָך מערער ווי געוועזן פריער: זיי ווערן "מעשים טובים".

דערנאָך קומט מען פון אָט דעם ענין, אַז "אין הדבר תלוי אלא בתשובה", אַז ס'ווערט דער "ושב הוי' אלקיך את שבותך", אַז דער אויבערשטער איז מעורר נאָכמערער אידן אין דעם ענין פון "ושב", דעם ענין התשובה, און "אם יהי' נדחך בקצה השמים משם יקבצך ה' אלקיך", מיט דער גאַנצער אריכות הביאור,

ואין ענין יוצא מידי פשוטו, אַז ס'ווערט בפועל, און מ'קערט זיך אום "בנערינו ובזקנינו בבנינו ובבנותינו", ו"כספם וזהבם אתם" בפשטות, עאכו"כ די אַלע מעשים ווערן "מעשים טובים", אין אַן אופן פון "כסף וזהב", אַלע ניצוצות קדושה, אין אַן אופן פון "קהל גדול ישובו הנה",

און ווי דער רמב"ם זאָגט "ומיד הן נגאלין", וואָרום תשובה איז "בשעתא חדא וברגעא חדא" - אַזוי ווערט נתהפך אויך בשעתא חדא וברגעא חדא פון דעם חושך

כפול ומכופל פון עקבתא דמשיחא, און ס׳ווערט גלייך די אתחלתא דגאולה, און די גאולה ממש, און די שלימות הגאולה, בשעתא חדא וברגא חדא, למטה מעשרה טפחים,

במהרה ובשמחה ובטוב לבב.

ניגנו ״ווי וואנט משיח נאו״.

• • •

**שיחה ה.**

מא. ס׳איז דאָך אַן ענין אויך וואָס איז פאַרבונדן מיט דעם שיעור אין חומש פון היינטיקן טאָג, וואָס דאָס איז אויך פאַרבונדן מיט ענין התשובה, ובפרט נאָך לויט דעם פירוש פון דעם אַלטן רבי׳ן אין לקוטי תורה, אַז דאָס איז ״והרוח תשוב אל האלקים אשר נתנה״, אַז וויבאַלד אַז ״נתנה״ - איז פאַרשטאַנדיק, אַז ס׳דאַרף זיין ״והרוח תשוב״,

וואָס דאָס איז דאָך אויך ווי געזאָגט אין דעם שיעור פון היינטיקן טאָגן, ״הלא הוא אביך קנך הוא עשך ויכוננך״, וואָס דערפאַר דאַרף ער זיך פירן ווי ס׳דאַרף זיך פירן אַן ״עם חכם״, ניט ווי הפכו, ווי עס שטייט אין תחילת הכתוב.

וואָס דערפון קומט אויך אַרויס דער ענין פון הכרת טובה, כמדובר כמה פעמים דער קשר צווישן הכרת טובה און מצות ביכורים, ״הגדת היום להוי׳ אלקיך״, און דעם ענין התשובה בכללה, אַז וויבאַלד ״הוא עשך ויכוננך״, איז ער אים מכיר-טובה, עאכו״כ - אַז ער דאַרף ממלא זיין רצונו, ביז אין תכלית השלימות, ומתוך שמחה וטוב לבב, וויבאַלד אַז ״הוא עשך ויכוננך״.

מב. וואָס אויך איז כאן המקום אויף אויך ענטפערן אָט די אַלע וואָס האָבן געשריבן און געוואונטשן ״לשנה טובה״, וואָס ס׳איז דאָך אין ביכולת - מכמה סיבות - אויף ענטפערן יעדערן בפרטיות,

אויסנוצן, וויבאַלד אַז דאָס איז דאָך בימות החול, הערט מען דאָס בכמה מקומות, און די וואָס הערן ניט וועט מען זיי מסתמא איבערגעבן, אַז תבוא עליהם ברכה, ואדרבה - בברכתו של הקב״ה, אָט די אַלע וואָס האָבן געוואונטשן - צי בכתב צי בעל פה וכיוצא בזה - אָדער די וואָס וועלן ווינטשן, אַז זיי האָבן די הבטחה פון ״ואברכה מברכך״, אַז דער אויבערשטער בענטשט יעדערן פון זיי, און בענטשט זיי אין אַן אופן פון ״ואברכה״ - ברכתו של הקב״ה, וואָס ״תוספתו מרובה על העיקר״,

אע״פ וואָס - כאמור - מפני אי-היכולת וכיוצא בזה, איז האָט מען ניט די מעגלעכקייט דאָס צו זאָגן יעדערן בפרטיות, אָבער ״כבר מילתי׳ אמורה״, כלשון הירושלמי בזה,

אַז דער וואָס האָט געזאָגט אַ ברכה, האָט מען אים געענטפערט "כבר מילתי' אמורה": ס'שטייט שוין אין תורת אמת און אין תורת חיים "ואברכה מברכך".

ויתקבלו הדברים כאילו ווי מ'האָט דאָס געזאָגט אָדער געשריבן צו יעדערן במיוחד, מיטן אָפּדאַנקען וכו' וכל הקשור בזה, פאַר די גוטע ברכות ואיחולים אויף די שנה און אַ כתיבה וחתימה טובה, יעדערער לפי לשונו ועניינו,

ואדרבא - ברכתו של הקב"ה, כמדובר וכמאמר חז"ל, איז דאָך "תוספתו מרובה על העיקר".

מג. וויבאַלד אַז מ'האָט שוין די געלעגנהייט אויף איבערגעבן אַ הודעה לרבים, און אויך פאַרשפּאָרן אַ טירחא, און פאַרשפּאָרן - על אחת כמה וכמה - אַ טינא שבלב:

אָט די וואָס שרייבן און פרעגן שאלות, און מפני ריבוי הענינים וואָס איז דאָ אין ימים אלו, אָנהויבנדיק פון חודש אלול, עאכו"כ אין חודש תשרי, און מ'ענפטערט זיי ניט אויף די בריוו -

איז כבר מילתייהו אמורה אין די שנים שלפני זה, אַז דאָס איז אַזאַ זמן וואָס אין הזמן גרמא צו ענטפערן אַ בריוו ושאלות וכו'.

און בשעת יעדערער וועט זיך פאַרבינדן מיט "חלק אלוקה ממעל ממש" וואָס איז דאָ בלבו פנימה, און וועט דאָס פאַרבינדן מיט לערנען אַן ענין אין תורה און טאָן אַ מצוה בפועל - וועט אים דער אויבערשטער מאיר זיין במוחו ולבו, ער זאָל נעמען די החלטה הדרושה וטובה, סיי ברוחניות, סיי בגשמיות וברוחניות גם יחד.

מ'זאָל ניט לערנען קיין פשטים - עאכו"כ ניט קיין פשט'לעך, אַז ס'איז ניטאָ קיין ענטפער, במילא איז אַ ראי' כך וכך וכו'.

בפרט נאָך אין די ענינים וואָס מ'האָט געענטפערט כו"כ פעמים, און אעפ"כ ווייס איך ניט וואָס די סיבה איז, אָבער מ'האַלט אין איין איבערפרעגן,

אַז תלמידים אָדער תלמידות וואָס פרעגן בנוגע אַזוי ווי ס'האָט זיך אָנגעהויבן אָדער ס'הויבט זיך אָן זמן לימודים חדש, וואו זיי זאָלן ממשיך זיין זייער לימוד -

האָט מען שוין געזאָגט כו"כ פעמים - און אין דערויף איז ניט שייך קיין שינויים, וויבאַלד אַז דאָס איז מיוסד אין אַ הוראה אין שולחן-ערוך - אַז מ'דאַרף דאָס טאָן לויט דער הוראה פון דער הנהלה פון דעם בית-ספר - צי דאָס איז אַ ישיבה צי אַ "בית רבקה", "בית שרה", "בית חנה" וכיו"ב - וואו ער האָט געלערנט ביז איצטער,

וואָס דאָס איז מיוסד אין דעם ענין וואָס מ'זאָגט אַז אַ תלמיד קרוי בן והרב קרוי אב, במילא איז פאַרשטאַנדיק, אַז במקום של ספק אָדער במקום וואָס טעמים לכאן ולכאן - דאַרף מען טאָן לויט דער הוראה פון דער הנהלה פון דעם מוסד אין וועלכן ער האָט געלערנט ביז איצטער.

על דרך זה אויך אָט די וואָס פרעגן און פרעגן-איבער, צי פאָרן אַהערצו צי ניט, וכיוצא בזה, עאכו״כ פון ארץ הקודש –

האָט מען דאָך שוין אויך געענטפערט און געשריבן און איבערגעחזר׳ט, אַז בכל ענין של ספק נסיעה ויציאה פון ארץ הקודש, דאַרף מען בלייבן אין ארץ הקודש, ״ארץ אשר גו׳ תמיד עיני ה׳ אלקיך בה מרשית השנה ועד אחרית שנה״;

אפילו ווען ס׳איז ניטאָ קיין ספק, און אים ווילט זיך דוקא באופן מסויים – דאַרף מען פרעגן ביי אַ רב מורה הוראה בפועל, וואָס וויבאַלד אַז מ׳האָט אים געגעבן אַ סייעתא דשמיא אויף פסק׳ענען אַ דין בפועל;

ניט נאָר ער האָט דעם פאַפיר, דערנאָך איז ער זיך עוסק אין תורה לשמה, און אַז מ׳קומט צו אים צוגיין מיטאַמאָל פרעגן אַ שאלה – איז ווי ס׳שטייט בנוגע צו רבינו הקדוש, וואָס ער האָט מסדר געווען אַלע מסכתות פון ש״ס, און בשעת ס׳איז געווען אַ צייט וואָס עסיק במסכתא מסויימת, האָט ער געזאָגט מ׳זאָל ביי אים ניט פרעגן אין אַ צווייטע מסכתא:

ער אַליין האָט מסדר געווען די צווייטע מסכתא, און האָט איר משלים געווען, און האָט דאָס אַזוי געבליבן עד סוף כל הדורות, אַז דאָס איז דער ״טעה בדבר משנה״, דערפאַר וואָס רבינו הקדוש האָט אַזוי געוואָלט; בשעת אָבער ״עסיק במכתא אחרת״, ער איז עוסק אין לימוד התורה לשמה – איז ניט דאָס איז זיין ענין; מ׳דאַרף פרעגן ביי אַ רב מורה הוראה בפועל, און דערנאָך טאָן כפי ההוראה שלו.

עאכו״כ ניט אַריינגיין אין חובות, וכיוצא בזה, וואָס דאָס איז מבלבל, אפילו אַז ער איז אורות בלי כלים, אָבער סוף-כל-סוף איז דאָס מבלבל, און דערנאָך שטערט דאָס צו התבוננות אין דאַוונען, אָדער צו התבוננות ביום הכיפורים, אָדער צום ״ושמחת בחגיך״ – דערפאַר וואָס דער ״קלוגינקער״ וואַרפט אים אַריין אַ מחשבה: דו זאָלסט וויסן זיין, אַז דו האָסט אויף זיך אַ חוב! און אַ חוב גשמי!

– אַ חוב רוחני, האָט ער די עצה: ער טוט תשובה, איז ״בשעתא חדא וברגעא חדא״ באַפרייט ער זיך פון אַלע ״חובות״; אַ חוב גשמי העלפט נישט קיין קונצן – ס׳דאַרף זיין ״והשיב״, און ״והשיב״ דאַרף דאָס זיין פרוטה בפרוטה.

במילא, אָט די וואָס מ׳האָט זיי ניט געענטפערט אויף די שאלות, איז דערפאַר וואָס זיי זיינען שוין ״כבר מילתיי אמורה״, ובפרט נאָך אַז ס׳איז שוין ״כבר היו לעולמים״, און אַנדערע האָבן איבערגעפרעגט, און ס׳איז געווען אַ זמן פנוי האָט מען זיי דאָס געשריבן נאָכאַמאָל בכתב, דערמאָנענדיק, אַז דאָס איז שוין ניט דעם ערשטן מאָל אַז מ׳זאָגט אָט די הוראה.

על כל פנים, מכאן ולהבא, אָט די וואָס הערן – ווייסן שוין דערפון; די וואָס הערן ניט – וועט מען זיי מסתמא איבערגעבן.

און ויהי רצון, אַז יעדערער זאָל זיין "יערה עליו רוח ממרום", און ער זאָל מכוין זיין מצד דעם "חלק אלוקה ממעל ממש" זאָל דאָס אָנפירן מיט זיין מחשבה, אַזוי אויך מיט זיין דיבור, עאכו"כ מיטן עיקר, "המעשה הוא העיקר", אַז ס'זאָל זיין "כל מעשיך לשם שמים ובכל דרכיך דעהו", וועט דאָס זיין די אַלע ענינים בשלימות, סיי בגשמיות סיי רוחניות, ובגשמיות וברוחניות גם יחד.

מד. כדי צו מסיים זיין מיט אַן ענין – ס'איז דאָך אויך רגיל בהתוועדות זו, אַז מ'זאָל מאַכן אַ מגבית, און מסיים זיין מיט אַן ענין של צדקה, וואָס דאָס איז פאַרבונדן מיט "ושבי' בצדקה" – דער קרן אויף דעם נאָמען פון דער מאַמע עליה השלום זכרונה לברכה,

וכל המרבה הרי זה משובח. און די וואָס ווילן ווערן אויך צושרייבן שמם בצירוף שם האם.

און ויהי רצון, אַז דאָס וואָס מ'האָט געבעטן אַכט טעג "לך הוי' הצדקה", זאָל דאָס מקויים ווערן ביז למטה מעשרה טפחים, אין ענינים בתכלית הפשטות, אין בני חיי ומזוני רוויחי,

ביז מקויים ווערן אין דעם תכלית הענין – אין דער גאולה האמיתית והשלימה למטה מעשרה טפחים, ובמהרה בימינו ממש,

אמן, כן יהי רצון.

ניגנו "והריקותי לכם ברכה".

• • •

צוה לנגן ניגון הכנה. ניגון אדמו"ר הזקן (בבא הרביעית – פעם אחת). "ניע זשוריצי חלאָפצי", כשכ"ק אדמו"ר שליט"א מעודד מאד את השירה.

• • •

שיחה ו.

מה. אויף מסיים זיין דעם ענין בנוגע צו "מעשה הוא העיקר", בנוגע צו אַלע מבצעים,

אָנהויבנדיק פון דעם מבצע פון אהבת ישראל, דערנאָך קומט דאָס אַראָפּ אין חינוך עצמו וחינוך כפשוטו, און ענין פון תורה, און תפילין, און מזוזה, און צדקה, און בית מלא ספרים – יבנה וחכמי',

און דאָס וואָס איז במיוחד וביחוד פאַרבונדן מיט נשי ובנות ישראל, דער ענין פון ג' המצוות וואָס ראשי-תיבות שלהם איז "חנה": דער ענין פון כשרות האכילה ושתיה – חלה, און דער ענין פון נדה – טהרת המשפחה, און דער ענין פון הדלקת הנר.

און דער אויבערשטער זאָל זיי בענטשן און מצליח זיין במיוחד, אַז ס׳זאָל זיין דער ״נר דולק מערב שבת לערב שבת״ - איצטער ברוחניות, במילא וועט דאָס זיין אָן הפסק פון ״לכל בני ישראל הי׳ אור במושבותכם״, וויבאַלד אַז דעם ערב שבת צינדט מען אָן נאָך אַ ליכטיקערע ליכט.

און דאָס וועט זיין די הכנה קרובה צו ״ולכל בני ישראל הי׳ אור במושבותם״ בפשטות, נאָך ״במושבותם״ אין כל התפוצות,

און די הקדמה קרובה צו דעם ״אתה תלוקטו לאחד אחד״, אויף גיין אין ארץ ישראל השלימה, אַלע אידן צוזאַמען בשלימות, און יעדערער פון זיי און אַלע צוזאַמען די תורה בשלימות - בשלימות בגשמיות וברוחניות גם יחד,

וואָס דאָס איז דאָך דאָ אויך אין תורה ומצוות: דער ״גוף״ און די ״נשמה״, כלשון הידוע בנוגע אויך צו תורה (אין זהר) ״גופי תורה״ אין לשון המשנה, און אין זהר ״נשמתא דאורייתא״, ועל דרך זה אויך אין מצוות - מצוה און כוונה, וואָס דאָס איז דאָך בדומגא פון אַ גוף און אַ נשמה, על דרך זה אויך בנוגע צו תפילה - דער קו השלישי.

און די אַלע ענינים צוזאַמען זאָלן איינעמען די גאַנצע וועלט בפשטות, דורך איינעמען די גאַנצע וועלט ברוחניות, ביז וואַנענט אַז ״והיו מלכים אומנייך ושרותיהם מניקותייך״, און ס׳וועט זיין די גאולה האמיתית והשלימה מתוך שמחה וטוב לבב,

במהרה בימינו ממש.

(אח״כ אמר כ״ק אדמו״ר שליט״א:) דערמאָנען איצטער נאָך די ידועים הידועים פון ״ווי וואָנט משיח נאו״ (ושאל:) וואו זיינען זיי, די ״צאן קדשים״? [והתחיל הילדים לשיר ״ווי וואַנט משיח נאַו״].

אח״כ ניגן כ״ק אדמו״ר שליט״א את הניגון ״צמאה לך נפשי גו׳״.

אח״כ צוה לנגן ניגון ״לכתחילה אַריבער״.

• • •

**שיחה ז.**

מו. אַזוי ווי מ׳גייט דאָך אַריבער פון דעם טאָג אין עשרת ימי תשובה - אין אַ העכערן טאָג פון עשרת ימי תשובה, און דערנאָך ביז צו ״אחת בשנה״, צו יום הקדוש, יום הכיפורים -

זאָל דער אויבערשטער יעדערן מצליח זיין, צוזאַמען מיט דער ״חתימה וגמר חתימה טובה״, וואָס דאָס איז דאָך כולל כל הענינים וכל הפרטים וכל הפרטי-פרטים, און אין די אַלע זאַכן למטה מעשרה טפחים בפשטות,

און די אַלע ענינים און די אַלע זאַכן - מתוך שמחה גדולה ורבה ביותר, וויבאַלד אַז דאָס איז דאָך אַ שמחה של מצוה בכלל, און אַ שמחה של מצות התשובה במיוחד,

און גיין אַזוי מתוך שמחה לקבל פני משיח צדקנו, "ושמחת עולם על ראשם", במהרה בימינו ממש.

כ"ק אדמו"ר שליט"א התחיל לנגן "ניעט ניעט ניקאַוואָ".

אח"כ אמר: די וואָס דאַרפן מאַכן אַ ברכה אחרונה - ווען זיכער מאַכן אַ ברכה אחרונה.

טרם צאתו התחיל לנגן "כי בשמחה תצאו גו'".

• • •